איחוד תלמידי וחסידי טאהש

גליון

# באור החיים

פרשת בהר - בחקתי - תשפ"ה לפ"ק | גליון תתל"ב

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרבני הנגיד מגדולי תומכי מוסדותינו הק' מוה"ר **בנימין פיליפסון** הי"ו
לרגל הולדת נכדו אצל בנו מו"ה **אברהם שמואל** הי"ו
ולע"נ אמו האשה החשובה מרת **עלקא** בת מוה"ר **זיסל** ע"ה - יארצייט ביום עש"ק במדבר - ג' סיון הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב עד עולם אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **אליעזר ברוך פריעד** הי"ו (מאנסי)
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

**בהר**

### צריכין לקרב אנשים שפלים אל ה'

**וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו.**

נראה לפרש בדרך רמז, דכשרואין בר ישראל שהוא מך בתורה ועבודה שזה עיקר העניות, עני בדעת, ומטה ידו מלילך בדרך ה', מצוה להחזיק בו ללמדו דרך ה', ולהכניס בו השגה לתורה ויראה.

ועבודה קדושה זו, היא גם עבודת ותפקיד של המגידי שיעור ומלמדי תינוקות ומורי הוראה בישראל, שעליהם להשפיל עצמם אל התלמידים שהם במדרגה שפילה, להדריכם וללמדם תורה ויראת ה', וצריך האדם לעסוק במלאכה זו באמונה, שלא לכוין בה לתועלת עצמו ח"ו, לגדל שמו בזה שהוא מרביץ תורה לתלמידים, ובזה שהוא מורה הוראה בישראל.

לכן צריכין לשים לב אל ענין נשגב זה, שהממונה להורות וללמד תורה לבני ישראל, תהא כוונתו למען כבוד שמו יתברך, להשפיע להם תורה ויראה.

(פתג"ק שמיני)

**בחוקותי**

### שבתות בימי הגלות הוא גדולה משבתות בזמן שביהמ"ק היה קיים

**כל ימי השמה תשבות את אשר לא שבתה בשבתותיכם בשבתכם עליה.**

הביא רבינו מהרי"א מ'קאמארנא זי"ע בשם הרה"ק רבי ארי' לייבוש מ'לאנצוט זי"ע פירוש על פסוק זה, 'כל ימי השמה' היינו ימי הגלות, 'ותשבות' שבתות כאלו, 'אשר לא שבתה בשבתכם' בזמן המקדש, כי השבתות שבימי הגלות גדולים ונשגבים יותר.

וכן פירשו בספה"ק, מה שאנו אומרים בפיוט לכה דודי בקבלת שבת 'רב לך שבת בעמק הבכא', שֶׁבֶת הוא מלשון שַׁבָּת, שכח השבת שבעמק הבכא היינו בימי הגלות, רב וגדול יותר מכח השבת שבזמן שבית המקדש היה קיים.

(דב"ק ויקהל)

### ביציאת מצרים היה בני ישראל יוצאים מכל שיעבודים

**כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים.**

נראה לפרש בדרך רמז, דהנה ידוע מספרי החסידות כשבני ישראל יוצאי מצרים קיבלו אז כח גדול לא להיות משועבד לשום דבר רק לעבודת השי"ת, כמה דאמרינן בכל לילה בתפילת ערבית, 'המכה בעברתו כל בכורי מצרים ויוצא את עמו ישראל מתוכם לחירות עולם', דכשיצאו בני ישראל מארץ מצרים ומהשעבוד

המשך בע' ב

פרנס פעולות האיחוד
לחודש אייר

נתנדב על ידי הרבני החסיד המרומם רודף צדקה וחסד בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות
הרב אב"ד קלוש שליט"א
לעילוי נשמת אביו היקר והחשוב
הרב החסיד ר' **יהושע שלום** בן ר' **יהודה עזריאל** וחוו' **אסתר** ז"ל
יארצייט ביום **ב' אייר** הבעל"ט
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן

אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד
תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"י


**שנראה כל אחד מעלת חברינו "ולא חסרונם", ס'זאל נישט בלייבן קיין חסרון, נאר מען זאל יענעם העלפן דאס פאררעכטן.**

(שפת"ק ח"א קע"א)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

## דורך די כח האחדות קען מען האבן די זכות פון די מצות פון אנדערע יודן

ונתתי שלום בארץ ושכבתם ואין מחריד.

קען מען מפרש זיין אין דעם לויט ווי עס ווערט געברענגט בשם הרה"ק רבי ר' שמעלקא מ'ניקלשבורג זי"ע וואס ער האט געזאגט, אז עס שטייט אין מדרש אז לעתיד לבא וועט עשיו זאגן פאר יעקב, אדער זאלסטו גיין מיט מיר אין גיהנום אדער זאל איך גיין מיט דיר אין גן עדן, וועט יעקב זאגן פאר עשיו לאז מיר אפ, איך האב דיר ליב געהאט און דו האסט מיר פיינט געהאט, און דאס איז א מדרש פליאה.

איז דער הייליגער רבי ר' שמעלקא מפרש, לויט ווי די גמרא זאגט (סנהדרין דף קי"א) אויפ'ן פסוק (ישעיהו ה' י"ד), הרחיבה שאול נפשה ופערה פיה לבל חוק, רבי יוחנן וריש לקיש חד פירש שהשאול דהיינו הגהינום פותחת את פיה לבלי חוק, למי שלא בייש אפילו חק אחד, אבל אם קיים אפילו חד אחד שוב לא ילך לגיהנום, וחד פירש לבלי חוק, היינו שכאשר שייר אפילו חוק אחד שלא קיים ילך לגיהנום.

און דאס וועט זיין די טענה פון עשיו צו יעקב, ממה נפשך, אויב האלטסט אזוי ווי די מאן דאמר אז אפי' מען האט איבער געלאזט אפי' איין חוק וואס מען האט נישט מקיים געווען דארף מען גיין אין גיהנום, קומט אויס אז אויב דו האסט נישט מקיים געווען מצות כיבוד אב ואם די אלע יארן וואס דו ביסט געווען בבית לבן דארפסטו באקומען גיהנום, און אויב האלטסט אזוי ווי די מאן דאמר אז אפי' מען האט מקיים געווען נאר איין מצוה דארף מען שוין נישט גיין אין גיהנום, דארף איך מיטגיין מיט דיר אין גן עדן, ווייל איך האב מקיים געווען די מצוה פון כיבוד אב ואם.

וועט אים יעקב אבינו זאגן, לאז מיר אפ, אני אהבתיך ואת שנאת אותי', די פשט איז אז לעולם איז די דין אזוי ווי די מאן דאמר אז אפי' מען האט איבערגעלאזט איין מצוה וואס מען האט נישט מקיים געווען דארף מען גיין אין גיהנום, נאר וויבאלד איך האב דיר ליב געהאט, קען איך מצרף זיין דיין מצוה פאר מיר ווייל דורך די כח האחדות, קען מען מצרף זיין די מצות וואס דער חבר האט מקיים געווען פאר די אייגענע זכות, פארדעם וועל איך גיין אין גן עדן, אבער וויבאלד דו האסט מיר פיינט געהאט, קענסטו נישט מצרף זיין מיינע מצות פאר דיין זכות, פארדעם וועסטו גיין אין גיהנום, דאס זענען די הייליגע ווערטער פונעם רבי ר' שמעלקא זי"ע.


המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **אברהם פנחס פעלבערבוים** הי"ו (בארא פארק)
לרגל שמחת אירוסי בנו החתן שלום אלי' ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


און מיט דעם וועלן מיר קומען מפרש זיין די פסוק אין אונזער פרשה, וואס די פסוק איז אונז מבטיח, 'ונתתי שלום בארץ', אז עס וועט זיין א אהבה אחוה ושלום צווישן ענק, און דורך דעם וועט זיין 'ושכבתם' ענקן וועלן רוען מיט א מנוחה נכונה נאך די הונדערט און צוואנציג, 'ואין מחריד', און מען וועט נישט דארפן ציטערן פונעם עונש הגיהנום, ווייל אפי' מען פסק'נט אזוי ווי די מ"ד אז אפי' מען האט פארפעלט נאר איין מצוה דארף מען גיין אין גיהנום, וועט מען געראטעוועט ווערן דורך די כח האחדות, וואס דורך דעם קען מען מצרף זיין די מצות פון אנדערע אידן פאר די אייגענע זכות.

(עבודת עבודה פתג"ק)

המשך מע' א

הגלות מצרים, היה יוצאים לחירות עולם מכל דבר גשמי ומכל שעבודי עולם הזה, ובפרט לאחר קריעת ים סוף כשהמצריים היה מתים בהים, ויכסו מים צריהם אחד מהם לא נותר, שם הגיע למדרגה זאת ביותר שלא יהיה משועבד לשום דבר רק להשי"ת. לכן כשאדם רוצה באמת להיות עבד נאמן לה' ולתורתו, אינו צריך עוד שום שעבוד מעניני עולם הזה כמו שאמרו חז"ל (אבות פ"ג מ"ה) כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ.

(אמ"ק משפטים)


מעומק הלב פנימה, וברגשי גיל חדוה ושמחה, כסא דברכתא נרימה, בקול צהלה נעימה, בברכת מזלא טבא לחברינו היקר בקרב לבינו צמודים וקשורים, נודע בשערים במדותיו הישרים, פאר המעלות ונועם המידות, ה"ה החתן המופלג בתוי"ש ובחסידות,

החתן **יצחק געלב** ני"ו
ממצויני תלמידי ישיבתינו הק'

בן הרה"ג ר' **יעקב** שליט"א, משגיח בישיבה"ק
לרגל שמחת אירוסיו למז"ט ובשעטו"מ

עב"ג בת מוה"ר **יואל קלמן הערשקאוויטש** הי"ו
גבאי דבית מדרשינו אהל מרדכי קרית יואל

ברכותינו צרופות שיזכה להעמיד בית נאמן בישראל ע"ד המסורה לנו מרביה"ק זי"ע ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א, והבית בהבנותו יהא מלא ברכת ה' על כל גדותיו, מתוך רב נחת והרחבת הדעת אושר ועושר, דורות ישרים ומבורכים, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו ומלכנו בראשינו בב"א

המברכים מעומק הלב
**צבי הירש פיש, ישעי' ארי' הערשקאוויטש, יצחק הערשקאוויטש**

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **ליפא גוטמאן** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### פרשת בהר

#### וידבר ה' אל משה בהר סיני לאמר.

די גמרא זאגט אין מסכת מגילה (כט.) אז דער אייבערשטער האט נישט געוואלט געבן די תורה אויף די הויכע בערג נאר אויפ'ן בארג סיני, ווייל דער בארג האט זיך געהאלטן קליין, אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא תענית (ז.) אז 'אין התורה מתקיימין אלא במי שדעתו שפלה'.

דאס קען זיין דא א רמז אין פסוק, 'וידבר ה' אל משה', דער אייבישטער האט געזאגט צו משה רבינו, אז ער זאל זאגן פאר די אידן, 'בהר סיני', מען דארף זיך האלטן קליין, און ערשט דעמאלטס קען זיין, 'לאמר', אז מען זאל קענען לערנען.

(נועם אלימלך)

#### ואיש כי לא יהיה לו גאל והשיגה ידו וכו'.

קען זיין א שיינע רמז דא אין פסוק, 'ואיש כי לא יהיה לו גואל' ווען דער מענטש ווייסט אז ער האט נישט קיין גואל, קיינער קען אים נישט העלפן, נאר דער אייבישטער קען אים ראטעווען פון זיינע צרות און אים שיקן א ישועה, דאן קען ער זיכער זיין אז 'והשיגה ידו', דער באשעפער וועט אים געבן וואס ער דארף און ארויסהעלפן פון זיין קלעם.

(הרה"ק שר שלום מבעלזא זי"ע)

### פרשת בחוקותי

#### אם בחקתי תלכו ואת מצותי תשמרו וגו' ונתתי גשמיכם בעתם.

לכאורה איז שווער, די גמרא זאגט (קידושין לט:) 'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא', אויב אזוי פארוואס זאגט דא די תורה צו שכר פאר היטן די מצוות.

נאר דער תירוץ איז, אז דאס וואס מען באקומט נישט קיין שכר אויף די וועלט איז דער שכר פון די עצם מעשה המצוות, אבער אויף די הכנה למצוה, דאס וואס מען גרייט זיך צו מיט א ברען און מען קוקט ארויס אויף די מאמענט מקיים צו זיין די מצוות, אויף דעם באקומט מען יא שכר אויף די וועלט.

דאס זאגט דער פסוק, 'ואת מצותי תשמרו' פאר דעם שכר פון ווארטן און זיך צוגרייטן צו טוהן די מצוה 'ונתתי גשמיכם בעתם' וועל איך אייך קענען געבן שכר אויך אויף די וועלט.

(תפארת שלמה)

#### ונתתי גשמיכם בעתם.

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט דער לשון 'גשמיכם' אייער רעגן, עס וואלט געדארפט שטיין 'ונתתי גשם בעתו'?

מען קען עס מסביר זיין לויט ווי די גמ' פארציילט (יומא נג:) אז ר' חנינא בן דוסא איז געגאנגען אויפ'ן וועג און עס האט גערעגנט, - האט ער זיך אנגערופן, 'פאר די גאנצע וועלט איז רואיג, און חנינא זאל האבן צער?' און תיכף האט זיך אויפגעהערט דער רעגן. ווען ער איז אהיים געקומען האט ער געזאגט, "יעצט האט דאך די גאנצע וועלט צער ווייל זיי האבן דאך נישט קיין רעגן אין זייערע פעלדער', און תיכף האט צוריק אנגעהויבן צו רעגענען.

זעהט מען אז די צדיקים וואס פירן זיך ערליך און לערנען תורה זענען בעלי בתים אויפ'ן רעגן.

דאס זאגט דא די תורה 'ונתתי גשמיכם בעתם' ענקערע רעגן אין דער צייט וואס איר ווילט, ווייל ווען מען וועט זיך פירן ערליך וועט דער אייבישטער אננעמען די תפילות, ווען עס זאל נישט זיין רעגן, און ווען יא.

( אך פרי תבואה)

#### ונתתי שלום בארץ ושכבתם ואין מחריד.

מען קען זאגן א שיינעם פשט אין דעם פסוק, לויט ווי די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (דף נ"ה ע"ב), אז דוד המלך פלעגט האבן פחד'דיגע חלומות ביינאכט, און די גמרא זאגט, אז דער טעם דערפון איז געווען, וויבאלד דוד המלך האט כסדר געדארפט פירן מלחמות מיט די גוים, און ער האט געטראכט פון די מלחמות א גאנצן טאג, ממילא האט ער געחלומ'ט ביינאכט וועגן מלחמות.

לויט דעם קען מען זאגן פשט אין פסוק, אז דער אייבישטער זאגט אונז צו, 'ונתתי שלום בארץ' - עס וועט זיין שלום אין ארץ ישראל, און עס וועלן נישט זיין קיין מלחמות, און ממילא, 'ושכבתם' - וועלן די אידן קענען שלאפן רואיג, 'ואין מחריד' - און זיי וועלן נישט דארפן ציטערן, ווייל זיי וועלן נישט טראכטן פון קיין מלחמות.

(מלא העומר)

#### כל אשר יעבור תחת השבט העשירי יהיה קודש לד'.

לויט ווי עס ווערט געברענגט אין די קדמונים, אז דער טעם פארוואס די עשרה הרוגי מלכות זענען אומגעקומען אויף קידוש השם, איז געווען, כדי צו מכפר זיין דעם זינד פון די 9 שבטים וואס האבן פאקויפט זייער ברידער יוסף, און דער צענטער פון זיי, רבי עקיבא, איז גע'הרג'ט געווארן, כדי מכפר צו זיין אויפ'ן אייבערשטן כביכול וואס האט אויך געדארפט א כפרה, וויבאלד די 9 שבטים האבן אריינגערעכנט דעם אייבערשטן אלץ דער צענטער אין זייער שבועה, נישט אויסצוזאגן וואס איז געשעהן מיט זייער ברידער יוסף.

דאס קען זיין מרומז אין די ווערטער פון דעם פסוק, 'כל אשר יעבור' - יעדער פון די צדיקים וואס וועט געפירט ווערן צום שטארבן, 'תחת השבט' - וועט זיין אנשטאטס 1 שבט וואס האט געזינדיגט ביי מכירת יוסף, 'והעשירי' - און דער צענטער פון די 'עשרה הרוגי מלכות', דאס מיינט רבי עקיבא, 'יהיה קודש לד" - וועט זיין אנשטאטס דעם אייבערשטן.

(הרה"ק ר' שמשון מאוסטראפאלי זי"ע הי"ד)

## א מעשה אויף די פרשה

### מ'פועל'ט דורך די תוכחה

עס איז באקאנט פון די ספרים הקדושים, אז די תוכחה פון דער סדרה איז אין אמת'ן רחמים וחסדים.

עס ווערט דערציילט אז הרה"ק רבי ארון פון קראקא זי"ע, א זוהן פון דעם הייליגן מאור ושמש זי"ע פלעגט פארן אויף ראש השנה קיין צאנז. איינמאל האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע ביי דער סעודה פון דער ערשטער נאכט ראש השנה זיך געבייזערט אויף דער קהילה אז זיי פירן זיך נישט ווי עס פאסט, און ער האט שארף געווארנט אז זיי וועלן ליידן צרות אלס עונש אויף זייער התנהגות.

רבי ארון האט זיך זייער געוואונדערט, עס איז דאך ראש השנה און מען דארף דאך יעצט מעורר רחמים זיין צו ווערן פארשריבן לשנה טובה ומתוקה, איז היתכן גאר צו שרייען און מקטרג זיין אויף זיי שטייענדיג אין אט אזא צייט.

דער צאנזער רב האט תופס געווען זיין מחשבה, און נאכ'ן פארענדיגן זיינע רייד, האט ער זיך אנגערופן צו רבי ארון און געזאגט, 'דוד המלך האט מחבר געווען דעם תהלים, און ווער עס דארף א ישועה עפענט דאס תהלים'ל און גיסט דערמיט אויס דאס הארץ פאר'ן באשעפער, און די פסוקים פון תהלים העלפן אים פועל'ן אלעס גוטס, איז לכאורה א פלא, ווען מען קוקט אריין אין די קאפיטל'עך פון תהלים, זעט מען אז פיל פון זיי באשטייען פון קללות אויף די רשעים וואס האבן גע'רודפ'ט און געפייניגט דוד המלך צי די אידן, און מיט אט די קללות פועל'ט מען ישועות פאר אידן'.

דאן האט רבי ארון איינגעזען אז אויך דער דברי חיים מיט זיינע שטראף-רייד האט מעורר רחמים געווען אויף אידן. זי"ע.

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר משה חיים הכהן שווארץ הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת אירוסי בנו החתן רפאל ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## ערב ראש חודש סיון

### תפלת השל"ה

### א

**שאלה: עס איז באקאנט דער מנהג אז ערב ראש חודש סיון זאגט מען די תפילת השל"ה, וואס דאס איז מיוחד זיך אויסצובעטן גוטע און ערליכע קינדער, ווי איז די מקור דערפון?**

**תשובה:** די תפלה ווערט געברענגט אין ספר של"ה הקדוש, וואס איז ברייט באקאנט אין די גאנצע וועלט פאר א אנגענומענע סגולה בדוק ומנוסה פאר הצלחה פאר חינוך הבנים והבנות, און דאס ווערט אנגערופן "תפלת השל"ה", און ער שרייבט דארט מיט דעם לשון: עס איז א חוב אויף יעדן איד מתפלל צו זיין און בעטן אלע זיינע געברויכן פונעם הייליגן באשעפער, ווייל אלעס קומט פון אים, איבערהויפט דארף מען בעטן אז מען זאל האבן ערליכע קינדער און קינדס קינדער אויף אייביג, און אויך אז זיי זאלן האבן אלע זייערע געברויכן, און אז זיי זאלן טרעפן זייער זיווג בניקל, ווייל אלעס קומט פונעם אייבערשטן, און ער פירט אויס מיט דעם לשון:

"מיין הארץ זאגט מיר, אז עס איז א עת רצון מתפלל צו זיין א תפלה פאר גוטע קינדער, "ערב ראש חודש סיון".

הרה"ק רבי דוד טאלנער זצ"ל האט געזאגט: אז ער דערקענט אויף די קינדער, וואס זייערע עלטערן האבן מתפלל געווען אויף זיי די "תפלת השל"ה".

### ב

**שאלה: פארוואס איז ראש חודש סיון מער מסוגל אז די תפלות זאלן נתקבל ווערן מער ווי אלע אנדערע טעג פון יאר?**

**תשובה:** דער של"ה הקדוש שרייבט דעם טעם, ווייל דאס איז די חודש וואס מיר האבן באקומען די תורה, און מיר זענען געווארן דעם אייבערשטנס קינדער, דעריבער איז די זמן שטארק מסוגל אז אונזער טאטע אין הימל זאל צוהערן צו די תפלות פון זיינע קינדער.

### ג

**שאלה: ווער האט מחבר געווען די נוסח התפלה פונעם "תפלת השל"ה"?**

**תשובה:** עס איז כדאי אנצומערקן אז נישט דער של"ה האט מחבר געווען די נוסח פון די תפלה, נאר ער האט געטראפן די נוסח התפלה אין א אלטע סידור, און עס האט אים שטארק געפאלן, און ער האט געשריבן אין זיין ספר השל"ה, אז זיין הארץ זאגט אים אז מען זאל דאס זאגן ערב ראש חודש סיון, און פון דארט איז עס נתפשט געווארן אין די גאנצע וועלט.

עס זענען דא וואס שרייבן אז די נוסח האט מחבר געווען רבי שבתי סופר פון פרעמיסלא זצ"ל, א תלמיד פונעם בעל הלבושים, און ער האט דאס געשריבן אין זיין סידור (סוף ח"ב), און דער של"ה הקדוש האט דאס גענומען פון דארט.

עס איז אינטערעסאנט אנצומערקן, אז כאטש דער של"ה הקדוש האט נישט מחבר געווען די תפלה, ווערט דאס אנגערופן אויף זיין נאמען "תפלת השל"ה", וויבאלד די תפלה איז נתפשט געווארן אויף די וועלט דורך אים, ווערט עס אנגערופן אין זיין נאמען.

נאך א טעם ווערט געברענגט פון הרה"ק רבי ר' מענדעלע מרימנוב זי"ע, אז דעריבער איז ערב ראש חודש סיון א טאג וואס איז מסוגל מתפלל צו זיין אויף ערליכע דורות יראי ה', ווייל אין אמת'ן פרעגט זיך א שאלה, ווען די אידישע קינדער זענען אנגעקומען קיין סיני אין ראש חודש סיון כדי מקבל צו זיין די תורה, וואס האבן זיי געטון, זיי האבן נאך נישט געהאט די תורה, האבן זיי דאך נישט געקענט לערנען, אויב אזוי וואס האבן זיי געטון, האט רבי ר' מענדעלע געענטפערט אז זיי האבן א גאנצן טאג געזינגען "אהבה רבה", און זיי האבן מתפלל געווען צום הייליגן באשעפער "ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל", און אז זיי זאלן זוכה זיין, אז זיי און זייערע קינדער זאלן זיין דבוק צו די תורה, און זיי זאלן גיין בדרך התורה, דעריבער זענען די טעג מסוגל מתפלל צו זיין צו האבן גוטע קינדער און ערליכע דורות זרע ברך ה'. (ילקוט מנחם בשם חסיד ישיש מלינסק ששמע מהרב הקדוש רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע).

**באמערקונג**

כאטש ערב ראש חודש סיון איז שטארק מסוגל צו בעטן פאר גוטע קינדער, טאר מען נישט פארגעסן וואס די ספרים הקדושים שרייבן, אז עלטערן דארפן מתפלל זיין פאר זייערע קינדער יעדן טאג, און אפילו עטליכע מאל פון טאג, אזוי ווי דער משנה ברורה (סימן מ"ז סק"י) שרייבט מיט דעם לשון, טאטע און מאמע דארפן שטענדיג מתפלל זיין פאר זייערע קינדער, אז זיי זאלן זיין לומדי תורה און צדיקים, און האבן גוטע מידות, און מען זאל דאס אינזין האבן יעדעס מאל וואס מען בעט ביים דאווענען אויף די קינדער, ווי למשל ביי די ברכה פון "אהבה רבה", און ביי "ברכות התורה" ווען מען זאגט די ווערטער "ונהיה אנחנו וצאצאינו", און ווען מען זאגט ביי "ובא לציון" - "למען לא ניגע לריק ולא נלד לבהלה" א.א.וו..

און אזוי שרייבט דער רבינו יונה (אגרת התשובה אות ע"ט) מיט דעם לשון: יעדע פרוי דארף זיין געהיטן מתפלל צו זיין ביינאכט, און צופרי, און אינמיטן טאג, און דער עיקר געבעט זאל זיין, אז אירע קינדער, זונען און טעכטער זאלן זיין יראי השם, און זיי זאלן מצליח זיין אין די תורה, ווייל די עיקר זכות פון א פרוי אין עולם הבא איז, אז אירע קינדער דינען דעם הייליגן באשעפער, און זיי האבן יראת שמים, און ווען א פרוי קומט ארויף אויף יענע וועלט און אירע קינדער זענען ערליך און זיי זענען עוסק בתורה און מצות, ווערט דאס גערעכנט אזוי ווי ז

לעבט און זי אליין מאכט די אלע מצות, און זי גייט ארויף אין די עולמות העליונות גאר הויעך.

### ד

### שאלה: דער של"ה הקדוש שרייבט צווישן זיינע ווערטער, אז עס איז ראוי אז מען זאל פאסטן אין דעם טאג פון ערב ראש חודש סיון, פארוואס זעט מען נישט אז מענטשן זאלן פאסטן ערב ראש חודש סיון?

**תשובה:** דער של"ה הקדוש שרייבט מיט דעם לשון: אז עס איז ראוי אז אין דעם טאג זאל מען פאסטן, און מען זאל נתעורר ווערן מיט תשובה און מעשים טובים, און מען זאל מתקן זיין אלע זאכן וואס דארפן א תיקון, און מען זאל געבן צדקה פאר עניים הגונים.

און אזוי שטייט אין ספר סגולות ישראל אז ערב ראש חודש סיון איז מסוגל אויסצובעטן גוטע קינדער, איבער דעם זאל מען פאסטן אין דעם טאג און מתפלל זיין פאר ערליכע קינדער.

און אזוי האט זיך געפירט דער הייליגער חתם סופר זצ"ל, אז ער מיט אלע זיינע תלמידים פון די ישיבה האבן געפאסט יעדן ערב ראש חודש סיון, און זיי האבן געלערנט אין תורה די פרשה פון "ויחל", און ער האט געברענגט א ראיה אז ערב ראש חודש סיון איז א זמן פון תשובה, די גמרא זאגט אויפן פסוק "ויסעו ויחנו" מה חניתם בהר סיני בתשובה, אף נסיעתם מרפידים בתשובה, אזוי ווי די אידישע קינדער זענען אנגעקומען צום בארג סיני האבן זיי תשובה געטון, אזוי אויך ווען זיי האבן זיך אוועק געצויגן ערב ראש חודש פון רפידים, האבן זיי תשובה געטון, דעריבער איז ערב חודש א זמן וואס מען דארף תשובה טון אין פאסטן (ספר חתם סופר סוף פרשת במדבר בהגה"ה).

און אזוי ווערט געברענגט פון נאך צדיקים אז זיי האבן זיך געפירט צו פאסטן ערב ראש חודש סיון.

אבער למעשה פירט מען זיך אז מען פאסט נישט אין דעם טאג, וויבאלד די דורות זענען שוואכער געווארן, און מען איז נישט ביכולת צו פאסטן, איבערהויפט בני תורה וואס צוליב די פאסטן וועלן זיי נישט קענען לערנען זייערע שיעורים, אזוי ווי עס ווערט געפסק'נט אין שלחן ערוך (סימן תקע"א ס"ב) מיט דעם לשון: תלמיד חכם אינו רשאי לישב בתענית



מפני שממעט במלאכת שמים, אלא אם כן כשהצבור מתענים שלא יפריש עצמו מהם, ומלמדי תינוקות דינם כתלמידי חכמים".

און דער משנה ברורה (שם סק"ד) שרייבט, אז דער וואס לערנט איז פטור צו פאסטן, אפילו ווער עס וויסט אז די תענית וועט אים נישט שאטן פאר זיין געזונט, וויבאלד דורכן תענית וועט ער נישט קענען לערנען אזוי ווי יעדן טאג, ממילא וועט ער מוזן מבטל תורה זיין.

און דער פלא יועץ (ערך תענית) שרייבט, אז אפילו איינער וואס קען לערנען די זעלבע שעות אפילו ווען ער פאסט, פונדעסטוועגן זאל ער נישט פאסטן, וויבאלד עס איז שווערער זיך קאנצעטרירן די מחשבה ביים לערנען בשעת מען פאסט, ווערט דאס אויך גערעכנט פאר ביטול תורה אין די איכות.

**באמערקונג**

אזוי ווי דעם ענין פון פאסטן האט מען טאקע נישט געקענט אן נעמען צוליב די חולשת הדורות, דעריבער זאל מען כאטש מקבל זיין די אנדערע זאכן וואס דער של"ה הקדוש שרייבט, אז מען זאל נתעורר ווערן בתשובה און מעשים טובים, און מען זאל מתקן זיין אלע זאכן וואס דארפן א תיקון, און מען זאל געבן צדקה פאר עניים הגונים.

## ב' סיון - מאנטאג

ה

### שאלה: ווי באקאנט ווערט אנגערופן די טאג פון ב' סיון "יום המיוחס", וואס איז דער טעם דערפון?

**תשובה:** דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל שרייבט, אז וועגן דעם ווערט דער טאג אנגערופן "יום המיוחס" ווייל דער טאג ב' סיון איז צווישן צוויי געהויבענע טעג, א טאג פריער איז ראש חודש סיון, און א טאג שפעטער הייבט זיך אן די שלשת ימי הגבלה (שו"ת האלף לך שלמה או"ח סי' של"א).

ענליך צו דעם האט דער הייליגער רוזשינער זי"ע געזאגט, אז דער טאג ב' סיון איז ארום גענומען פון אלע זייטן מיט הייליגע טעג, פאר דעם איז ראש חודש, און נאכדעם איז שלשת ימי הגבלה און שבועות, און ער האט דאס ערקלערט מיט א משל:

א קעניג האט געדינגען פיר ספעציעלע מומחים וואס קענען שיין מאלן, אז יעדער זאל מאלן א שיינע בילד אויף איין וואנט פון זיין נייע פאלאץ, דריי פון זיי האבן טאקע געמאלן א הערליכע בילד, און דער פערטער אנשטאט מאלן א בילד, האט ער ארייגעבויט אין וואנט גאר א טייערע און א שיינע שפיגל, וואס דארט האבן זיך אפגעשפיגלט די אנדערע דריי שיינע ווענט, אזוי ארום איז זיין וואנט געווען פול שענער פון די אנדערע דריי ווענט, און יעדער האט דאס באוואונדערט, דאס זעלבע איז דער יום המיוחס, ער האט טאקע נישט קיין ספעציעלע יחוס בפני עצמו, אבער ער נעמט אריין אין זיך די שיינקייט פון אלע טעג וואס זענען ארום אים (עירין קדישין עמוד כ"ד).

נאך א טעם האט געזאגט דער הייליגער ריזשינער זי"ע אז דער יחוס פון דעם טאג "ב' סיון", איז ווייל אין דעם זעלבן טאג אין די וואך, געפאלט יום כיפור.

דער מונקאטש'ער רב זצ"ל, פרעגט אויף דעם טעם פונעם רבי שלמה קלוגער, ווייל לויט זיין טעם קומט אויס אז דער טאג ב' סיון האט נישט קיין אייגענע יחוס, נאר די טעג וואס נעמען אים ארום זיי מאכן אים פאר א יחסן, און פון די לשון "יום המיוחס" זעט אויס אז דאס האט א אייגענע יחוס, דעריבער זאגט ער א אנדערע טעם פארוואס עס ווערט אנגערופן "יום המיוחס", ווייל אין דעם טאג האט דער אייבערשטער געזאגט פאר כלל ישראל "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש", און ער האט אונז דעמאלטס אויסדערוועלט פאר זיין פאלק, און מיר זענען געווארן די מיוחסים פון די וועלט (שער יששכר מאמר חודש סיון אות ה').

און ער שרייבט נאך א טעם, ווייל אין דעם טאג האט כלל ישראל געזאגט "נעשה ונשמע", און זיי האבן נישט מורא געהאט אז אפשר וועלן זיי נישט קענען מקיים זיין די מצות פון די תורה, אזוי ווי אלע פעלקער האבן מורא געהאט מקבל צו זיין די תורה צוליב דעם טעם, אז אפשר וועלן זיי נישט זיין בכח מקיים צו זיין די תורה, ווייל די אידן האבן געוויסט זייער הייליגע יחוס, אז זיי זענען בני אברהם יצחק ויעקב, דעריבער זענען זיי זיכער געווען אז זיי וועלן קענען מקיים זיין די תורה, דעריבער האבן זיי געזאגט "נעשה ונשמע", אבער די גוים וואס האבן נישט אזא יחוס האבן מורא געהאט אז זיי וועלן נישט קענען מקיים זיין די מצות, און צוליב דעם ווערט אנגערופן דער טאג "יום המיוחס" ווייל צוליב זייער הייליגע יחוס האבן זיי געקענט זאגן אין דעם טאג "נעשה ונשמע".



## מאור התורה
ציצים ופרחים על עניני הפרשה

### אם בחקותי תלכו - שתהיו עמלים בתורה

די הייליגע יסוד העבודה האט געזאגט אז אלץ אינגערמאן האבן מיר נישט געוואוסט וואס דאס איז הארעווען אויף תאוות, מיר פלעגן אריינטון דעם מח און הארץ און לערנען א גאנצן טאג, און ביינאכט פלעגן מיר פאלן שלאפן פארמאטערט, און דאס איז שתהיו עמלים בתורה, אז דורך עמילות בתורה פארגעסט מען פון אלע תאוות, און מען קען דעמאלטס מקיים זיין אם בחוקותי תלכו.

*

עס איז באקאנט אז די הייליגע רבי' פלעגט כסדר זאגן פאר די בחורים אז מען דארף אזוי' שטארק הארעווען א גאנצע טאג אז מען זאל גלייך אנשלאפן ביינאכט.

*

עס איז אמאל אריינגעקומען צום חפץ חיים איינער פון זיינע תלמידים זיך אפצורעדן אז ער לערנט און לערנט און ער איז נישט מצליח צו ווערן א גדול בתורה, האט אים די חפץ חיים צוריק געפרעגט אז ווי שטייט אז מען דארף וואקסן א גדול אדער א גאון, עס שטייט דאך נאר שתהיו עמלים בתורה.

*

די הייליגע קדושת ציון פון באבוב זי"ע הי"ד איז אלץ קינד געווען ביי רבי' יהושע מ'בעלזא זי"ע האט אים די בעלזא רב געפרעגט 'וואס איז טייטש אם בחוקתי תלכו', און די קדושת ציון האט פארשטאנען אז בעלזא רב וויל עפעס אויספירן מיט דעם, איז ער שטיל געבליבן, האט אים בעלזא רב געזאגט, 'די וועלט זאגט אז דער בעלזער רב טייטשט אם בחוקתי תלכו מיינט, אז מען דארף גיין מיט א ספאדיק, אבער דאס איז נישט ריכטיג, נאר וואס דען טייטשט איך, אם בחוקותי תלכו אז מען דארף נאכגיין יעדע הלכה און נזהר זיין אין יעדע קליינע מנהג, און מען זאל זיך גארנישט וואעקריקן פון דעם אלטן אויסגעטרעטענעם וועג אפילו אן אפס קצהו, און אפילו זאכן וואס עס שטייט נישט ארויסגעשריבן אין די תורה, און אפילו זאכן וואס מענטשן האלטן נישט חשוב, ווי למשל די לבוש דארף מען נאכגיין ווי א חק בלי טעם, אויב אזוי אויב די אידישע לבוש איז א ספאדיק, דעמאלס קומט אויס אז אם בחקותי תלכו מיינט טאקע אז מען דארף גיין מיט א ספאדיק'.

*

די הייליגע רבי' זאגט אין פתגמי קודש אויף אם בחוקתי תלכו וגו' ונתתי גשמים בעתם, אז די השפעות וואס קומט אראפ אויף די גאנצע וועלט, דאס אלעס ווענדט זיך אין א יעדע איד, יעדע איד האט די כח אויב ער פירט זיך על דרך התורה צו משפיע זיין חסדים פאר די גאנצע וועלט.

און די הייליגע רבי' ברענגט צו א מימרא פון הייליגן צאנזער רב, וואס ער האט געזאגט אויף זיך אז אין זיינע אינגע יארן האט ער געמיינט אז ער גייט קענען פאררעכטן די גאנצע וועלט, ווען ער איז עלטער געווארן, האט ער איינגעזעהן אז ער קען דאס נישט, האט ער נאך געטראכט אז ער גייט פאררעכטן זיין גאנצע לאנד, נאכדעם האט ער איינגעזעהן אז דאס אויך נישט, האט ער נאך פרובירט אויף זיין שטאט, נאכדעם האט ער געזעהן אז אפשר זיין משפחה קען ער פאררעכטן, נאכדעם האט ער איינגעזעהן אז ער דארף כאטש פרובירן זיך צו פאררעכטן.

איז די רבי' מסביר, נישט אז ער האט צוריק געצויגן פון וואס ער האט געהאלטן פון צו פאררעכטן די גאנצע וועלט, נאר ווען ער איז עלטער געווארן האט ער איינגעזעהן אז דורך דעם וואס ער פאררעכטט זיין מדינה גייט דאס משפיע זיין צו מתקן זיין די וועלט, און אזוי ווייטער און ווייטער, ביז ער האט איינגעזעהן אז ווען ער גייט זיך פאררעכטן דורך דעם גייט די גאנצע וועלט האבן א תיקון.









# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיהדה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי מאיר מפרימישלאן זי"ע (ב)

**דעם קומענדיגן דינסטאג במדבר, כ"ט אייר, געפאלט אויס די יומדל"ק פונעם הייליגן צדיק רבי מאיר'ל מ'פרעמישלאן זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער צדיק רבי מאיר'ל מ'פרעמישלאן איז געבוירן געווארן אין יאר תקמ"ג צו זיין הייליגע פאטער הרה"ק רבי אהרן אריה - ווי באקאנט מיטן נאמען רבי ארון לייב מ'פרעמישלאן זי"ע.

רבי מאיר'ל איז געווען באוויסט אין זיין דור פאר א וואונדערליכע פועל ישועות, און ספעציעל מיט זיין רוח הקודש וואס ער האט פארמאגט שוין פון די יונגע יארן, און דערמיט ארויסגעהאלפן טויזנטער אידן וואס פלעגן קומען צו איהם לישועה ברכה ולהצלחה. אינעם מידת הצדקה האט אויך רבי מאיר'ל גאר שטארק אריינגעארבעט, ער האט געטיילט אסאך צדקה פאר עניים, און האט געהאט א אפענע הויז פאר אלע אידן צו קומען זיך דערכאפן דאס הארץ מכל מיני מטעמים, ווי הגאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל האט נאך די פטירה פון רבי מאיר'ל זיך אויסגעדריקט די גאנצע וועלט איז געשפייזט געווארן בזכות רבי מאיר'ל'...

תורה און חסידות האט רבי מאיר'ל געלערנט פון זיינע הייליגע רבי'ס הרה"ק רבי מרדכי מ'קרעמניץ זי"ע, און הרה"ק דער חוזה פון לובלין זי"ע.

שפעטער אין יאר תקע"ג נאך די הסתלקות פון זיין טאטע, איז ער אליינס געווארן רבי אין שטאט פרעמישלאן אויפ'ן ארט פון זיין הייליגן טאטע. פאר א קורצע תקופה פון דריי יאר האט זיך רבי מאיר'ל אויפגעהאלטן אין שטאט ליפקאני אין בעסאראביע, דאס האט ער געטון צוליב די גרויסע דרוק וואס ער האט געהאט אויסצושטיין און די רדיפות מצד די מתנגדים. נאך דריי יאר איז ער אבער צוריקגעקומען קיין פרעמישלאן אנצופירן זיין עבודת הקודש, אויף די עלטערע יארן האט ער זיך אריבערגעצויגן קיין מיקולייב, און דארט געדינט ברבנות פאר זיבן יאר יאר.

פון זיינע הייליגע דברי תורה ופתגמין יקרים זענען געדריקט אין די ספרים, אור המאיר, מרגניתא דרבי מאיר, פנים מאירים.

רבי מאיר'ל איז נסתלק געווארן לחיי עולם הבא, כ"ט אייר תר"י, און איז געקומען למנוחת כבוד אינעם שטאט פרעמישלאן, וואס איז פארבליבן ביזן היינטיגן טאג פאר א מקום ישועות בזכות פונעם הייליגן צדיק.

### געזעהן אליהו הנביא

דער הייליגער ר' מאיר'ל איז אמאל געווען שטארק אויפגעלייגט און די אנוועזענדע חסידים האבן באשלאסן אז ס'איז א גוטע געלעגנהייט צו בעטן דעם רבי'ן אז דער רבי זאל זיי ווייזן 'אליהו הנביא'. האט רבי מאיר'ל געענטפערט אז

# לוח היארצייטן



## יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ט אייר | הרה"ק רבי מאיר בן רבי אהרן ארי' לייב זי"ע (מ'פרעמישלאן) | תר"י |
| א' סיון | הגה"צ רבי יוסף מאיר בן רבי שם טוב זצ"ל מאיער (אדמו"ר מ'ליזענסק) | תשפ"ב |
| ב' סיון | הרה"צ רבי אשר זצ"ל הי"ד בן רבינו הסב"ק מרן אלימלך זי"ע הי"ד<br>עם ח' ילדים - וב"ב מרת שרה רחל בת הרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשער הי"ד (אב"ד קאלוב) | תש"ד |
| ג' סיון | הרה"ק רבי ישראל צבי בן רבי יהוסף הלוי זצ"ל (מ'קאסאן - אור מלא) | תש"ד |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ט אייר | הרב החסיד ר' חיים נחמן בן ר' אברהם שלמה ע"ה קאבאלסקי | תשפ"א | בארץ ישראל |
| ג' סיון | האשה החשובה מרת עלקא בת ר' זיסל ע"ה פיליפסון<br>אשת הרה"ח ר' שלמה ע"ה | תשע"ה | הר הזיתים בירושלים עיה"ק |
| ג' סיון | הרבנית הצדיקת צירל ז"ל בת הרה"ק רבי יעקב פעקעטע זצ"ל הי"ד | תש"ד | בשנות הזעם |
| ג' סיון | הרבנית הצדיקת עלא ז"ל בת הרה"ק רבי צבי אביגדור זצ"ל הי"ד<br>אש"ח הרה"ק רבי יעקב פעקעטע זצ"ל - זקינתו של רביה"ק זי"ע | תש"ד | בשנות הזעם |

ער קען זייער פארלאנג נישט נאכגעבן, צוליב א מעשה וועלכע האט פאסירט, און ער האט מורא אז אויב ער וועט זיי ווייזן אליהו הנביא וועלן זיי אים אראפווישן פון וועג.

און רבי מאיר'ל האט זיי גענומען דערציילן א מעשה צו ערקלערן פארוואס ער אנטזאגט זיך צו אנטפלעקן פאר זיי אליהו הנביא.

קיין פרעמישלאן פלעגן כסדר קומען צו פארן גאנץ פשוט'ע אידן, צווישן זיי אויך אזעלכע וועלכע האבן כמעט נישט געוויסט פון תורה ומצוות צו זאגן, זיי פלעגן קומען צו רבי מאיר'ל פאר א ברכה אדער צו פועל'ן א ישועה. רבי מאיר'ל פלעגט זיך מיט זיי אויסנעמען אז זיי זאלן פארבעסערן זייער התנהגות אין אידישקייט, אבער אפטמאל זענען געקומען אידן וואס זענען נעבעך געווען אזוי פראסט, אז ס'איז אפילו שווער געווען מיט זיי צו רעדן דערוועגן.

איין טאג זענען אריינגעקומען צו רבי מאיר'ל צוויי סוחרים, און האבן זיך שטארק אויסגעוויינט איבער די שווערע מצב הפרנסה וואס דריקט אויף זיי. האט רבי מאיר'ל גענומען ארומרעדן מיט זיי וועגן אידישקייט און ער האט מיט זיי זיך אויסגענומען צו פארבעסערן זייערע וועגן, דאן האט רבי מאיר'ל גענומען אכצן רובל און עס דערלאנגט פאר די צוויי סוחרים.

און רבי מאיר'ל האט זיי מיט א פשטות באפוילן אז מיט די גולדן זאלן זיי פארן קיין לעשקאוויטץ און דארט זאלן זיי ארויס גיין אין מארק און טון געשעפטן וועלכע וועט זיי אונטערקומען. רבי מאיר'ל האט זיי אנגעזאגט אז דאס ערשטע געשעפט וואס מען וועט זיי פארלייגן זאלן זיי באלד אננעמען און דאס אפקויפן מיט די אכצן רובל.

די צוויי סוחרים האבן זיך באלד ארויסגעלאזט קיין לעשקאוויטץ, ווען די ברכה פון רבי מאיר'ל באגלייט זיי אין וועג. אנקומענדיג אין לעשקאוויטצער מארק האבן זיי לאנג נישט געדארפט קלערן, ווייל באלד איז פונדערווייטנס געקומען צו גיין אן אלטער גוי, און גענומען פאר זיי פארלייגן א געשעפט.

דער גוי האט אראפגעשלעפט פון זיינע פלייצעס א פולן זאק, און ארויסגעשלעפט דערפון א וואלענעם געשטריקטן הוט, וועלכע ער האט זיי געוואלט פארקויפן, די צוויי סוחרים האבן גוט געדענקט רבי מאיר'לס עצה און זענען באלד איינגעגאנגען אויפ'ן געשעפט, און דאס אפגעקויפט פארן סומע וואס דער גוי האט פארלאנגט, זעקס רובל.

די צוויי האבן באלד געענדיגט דעם געשעפט, און זיך געגרייט צו גיין, נאר דער אלטער גוי האט זיי אפגעהאלטן: 'פארוואס זאלט איר נישט קויפן נאך אזעלכע היטלער', די סוחרים האבן שוין געוואלט זאגן אז ניין, אבער זיך באלד דערמאנט פונעם אנזאג פון רבי מאיר'ל, און אן קיין ברירה האבן זיי מסכים געווען און ארויסגעצויגן די איבריגע צוועלעף רובל, אפקויפנדיג נאך צוויי היטלער.

## אמירת 'לחיים' סגולה לפרנסה

"כאשר בני ישראל יושבים ומברכים לחיים זה לזה נמשך להם פרנסה טובה, וכדרכו בקודש של הרה"ק רבי מאיר מ'פרעמישלאן לומר רמז קדוש על כל ענין, אמר כי בתיבת **לחיים**, ישנן שני יודי"ן, רומז לשתי יהודים המברכים זה לזה לחיים, וכאשר היהודים מתפרדים זה מזה אחרי שתייתם, נשאר **לחם**, היינו השפעה של לחם ופרנסה טובה, אמן כן יהי רצון.

(עבו"ע שיח"ק ח"ג עמוד תי"ח)

זעענדיג אז עס גייט אים גוט האט זיך דער גוי אנגערופן צו זיי, 'איר זעט, דער זאק איז דאך פול מיט אזעלכע הוטן, אפשר ווילט איר אפקויפן פון מיר דאס גאנצע זאק'. די צוויי סוחרים האבן זיך אבער אנטשולדיגט אז זיי האבן נישט קיין געלט אפצוקויפן מער פון די הוטן. ווען דער גוי האט עס געהערט האט ער זיך פארטראכט אויף א מינוט און דאן געזאגט: 'וועל איך עס אייך געבן במתנה'.

ביז דערווייל האט איינער פון די סוחרים באמערקט אז אויף דעם הוט איז אויסגענייט פיל טייערע דיימאנטן, ער האט באלד גענומען באטראכטן די אנדערע הוטן, און צו זיין וואונדער באמערקט אז דאס גאנצע זאק איז פול מיט אזעלכע הוטן, וועלכע טראגן אויף זיך גאר גאר טייערע דיימאנט שטיינער.

אין די מוחות פון די סוחרים האבן זיך גלייך צוזאמגעשטעלט דעם בילד, אז דער גוי האט דאס פון ערגעצוואו גע'גנב'ט, און אצינד וויל ער פטור ווערן דערפון, און אונז קענען גיין פאר'מסר'ן צו די פאליציי. דאן האט זיך איין סוחר אנגערופן צום צווייטן אין לשון הקודש כדי אז דער גוי זאל נישט קענען פארשטיין, 'לאמיר אים קודם אראפווישן פון וועג און דערנאך זיך האלטן מיט די גאנצע געשעפט, אזוי ארום וועט ער אונז גארנישט קענען שלעכטס טון'.

דער גוי וועלכער איז דערווייל געשטאנען אין א זייט ווארטנדיג אויף אן ענטפער פון די צוויי סוחרים האט זיך פלוצלים צוגעריקט צו זיי און אויסגערופן: 'לשון הקודש פארשטיי איך זייער גוט און דערפאר זאלט איר זיך פון היינט מאל אן זוכן אנדערע מענטשן מיט וועמען צו האנדלען'! דער גוי האט שנעל אריינגעשארט די ערשטע צוויי היטלער אינעם זאק, און אין אן אויגנבליק נעלם געווארן פון דארט, איבערלאזנדיג די צוויי סוחרים שאקירט איינער קעגן צווייטן.

רבי מאיר'ל האט אויסגעפירט צו זיינע חסידים 'דער גוי איז געווען אליהו הנביא זכור לטוב, און זינט דאן האלט איך זיך צוריק פון אנטפלעקן אליהו הנביא פאר מענטשן, טאמער וועט מען אים חלילה אראפווישן פון וועג'.

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.


בחדוה ושמחה רבה, באנו בזה לשגר כוס של ברכה, סל מלא ברכות ומעלות, לאחי החשוב בחור כהלכה, אוצר כלי חמדה, אשרי שלו ככה, בקרב לבנו צמודים וקשורים, מוכתר בכל תואר, אהוב ומכובד על כל יודעיו ומכיריו, ה"ה

**החתן יצחק געלב נ"י**

**לרגל שמחתו הגדולה בשמחת אירוסיו למזל טוב ובשעטו"מ**

ויהא רעוא שתהא בנין עדי עד והזיווג יעלה יפה יפה, בורא עולם בקנין השלם זה הבנין, ותזכה לבנות בית נאמן בישראל, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ומצות לשמה, על דרך רבותיה"ק זי"ע המסורה לנו מדור דור, עד ביאת גואל צדק ומלכנו בראשינו בב"א.

כה דברי השמח בשמחתיך:

**אחיך אשר ענזיל געלב**

ארייינצושיקן בריוון צום עדור מאנ"ש לאנ"ש
שיקט א בריוו
11 Van Buren Dr. Unit 305
Monroe, NY 10950
שיקט א פעקס
845.230.6884
לאזט א מעסעדזש אויפן קול איחוד
718.451.8674 Ext. 841

# רגשי הלב נאכן דערהויבענע ל"ג בעומר און שבת בצל הקודש

א גוטן כבוד מערכת באור החיים.

צום ערשט פותחין בכבוד האכסניא די חשוב'ע עסקני האיחוד וואס שטעלן צו פולע ענינים גבוהים ורמים פאר כלל אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר, השי"ת זאל זיי באגליקן מיט אלעס גוט'ס וואס שייך, און הצלחה אויף ווייטער צו קענען אויפטון להגדיל תורה ויאדיר, עד ביאת משיחנו.

איך וויל אויסניצן די פלאטפארמע זיך צו באדאנקען און ארויסברענגען רגשי לבבי, נאכ'ן מיטהאלטן די געהויבענע יומא אריכתא ל"ג בעומר בצל הקודש, און דערנאך די הייליגע שבת בקרתא דשופריא בצל הקודש.

צום ערשט א הודאה להשם אז איך האב זוכה געווען דערצו, און מיטגעהאלטן די הייליגע מעמד ההדלקה, ווי הונדערטער אידן זענען זיך צוזאמגעקומען תחת כיפת השמים און זיך אויסגעוואשן און אויסגערייניגט דאס הארץ בזכות התנא אלוקי ביי די דערהויבענע מעמד, אין די מילים לתאר די רישומא דקדושה וואס האט איבערגעלאזט אויף אלע באטייליגטע, דאס הארץ איז צוגעגאנגען פון ווארעמקייט און הייליגקייט.

און דא איז טאקע די פלאץ זיך צו באדאנקען פאר די געטרייע עסקני הקהלה, וואס האבן זיכער אינוועסטירט אסאך צייט און כוחות צוצורישן דאס אלעס, און די פירות האבן נישט געשפעטיגט צו קומען, אלעס האט געקלאפט ב"ה עצהיו"ט אויפן שענסטן און בעסטן פארנעם וואס שייך.

אבער ביותר וויל איך ארויסברענגען רגשי לבבי, וואס ווי דערמאנט האב איך מיטגעהאלטן די נאכפאלגענדיגע שבת בצל הקודש, אזא ווארעמע און הייליגע שבת האב איך שוין לאנג נישט געשפירט, אבער דאס מערסטע וואס האט מיר גע'חידוש'ט איז געווען די הערליכע לגיון של מלך, די תלמידי הישיבה של רבי.

צום ערשט טאקע צוריק צום מעמד ההדלקה ווי עס איז געווען א נחת רוח צוצוזעהן ווי אלע תלמידי הישיבות פון אלע יארגענג און סניפים צוגלייך, זענען געשטאנען און מיטגעהאלטן אלעס מיט אזא ערנסקייט, און אויך האט ארויסגעשיינט די גרוואלדיגע גמילות חסדים און גוטע מידות ווי מען האט מכבד געווען אלע געסט א.א.וו.

צוריק צום שבת, איך האב מיטגעהאלטן די פייערליכע קידוש פרייטאג צונאכטס, - וואס איך ווייס נישט וויפיל אידן ווייסן דערפון, אבער די ישיבה גדולה בחורים אינאיינעם לייגן אראפ מידי שבת בשבתו אזא פלאמפייערדיגע קידוש מיט'ן טאהש'ען נוסח בקול חוצב להבות אש, אזש דאס הארץ קען צורינען ווערן, דאס גאנצע וועלט ווערט ממש מקודש פון די הייליגע קידוש, מ'איז מעיד שמים וארץ מיט א געוואלדיגע קידוש השם ונחת רוח, וואס זיינס גלייכן קען מען נישט געפינען.

נאכמער בין איך נתפעל געווארן פון די דיבור בשבת, ווען ביי די סעודה שבת אינדערפרי ביי מרן רבינו שליט"א, וועלנדיג צוגיין צו איינע פון די תלמידים זיך נאכפרעגן איבער די איינצעלהייטן בהנהגת הישיבה בין איך פשוט נשתומם געווארן זעהנדיג ווי אין אזא יאר בעיקבתא דמשיחא, איז דא בתוכינו אונטער אונזער ריקן, א ריזן קבוצה בחורים וואס רעדן ממש נישט אויס גאנץ שבת, דאס איז דאך מבהיל על הרעיון און א גרויס חידוש.

מיינע הרגשים זענען געשטיגן צו א העכערע שטאפל ווען בעת סעודת רעווא דרעווין האט די רבי ארומגערעדט איבער די ענין קדושת הדיבור, ונפש לא יטמא בעמיו, ורוח ממללא, און מרחיב געווען בדיבור פון די ענין נשגב פון נישט רעדן א גאנץ שבת, און בתוך דבריו האט זיך די רבי ארַאפּגעלאזט למטה מעשרה און מחזק געווען די חבורה אין ישיבה גדולה וואס טוט מחזק זיין די ענין טראץ די שוועריקייט דערפון.

עכ"פ עס איז קלאר אז הכרת פניהם עלתה בהם, בכלליות פון אלע ישיבות וואס ב"ה נתרבים והולכים, אבער בפרטיות יעצט ווי כמאמר העולם א גאסט אויף א ווייל זעהט אויף א מייל, איז מיר דאס געווען א שטארקע חידוש און התפעלות.

די רבוש"ע זאל אוודאי העלפן אז לא ימושו מפינו ומפי

זרעינו מעתה ועד עולם, מיר זאלן אלע קענען ווייטער מיטנעמען די הדרכות וואס מיר האבן מקבל געווען מבית מדרשו של רבי מיט געזונטע און פרישע כוחות.

וועל איך מסיים זיין מעין הפתיחה נאכאמאל א שטארקע דאנק פאר אלע עסקנים סיי עסקני האיחוד און סיי די עסקני הקהלה וואס אלע איינאיינעם טוען אויף א געוואלד, וחפץ השם בידכם יצליח.

(ש. ה. בארא פארק)

## ריקודין נאך תיקון ליל שבועות

ביטע ארייננלייגן אין מדור מאנ"ש לאנ"ש.

עס ליגט מיר אין זכרון אז ביי איינע פון די של"ש תורות בעפאר יו"ט שבועות פאריאר אדער 2 יאר צוריק האט די רבי ארומגערעדט מיט געגועים צו די ליכטיגע זמנים בהלו נירו עלי ראשינו, און בתוך הדברים האט די רבי דערמאנט אז תיקון ליל שבועות נאכ'ן טיש פלעגט מען טאנצן אויף ניגוני תורה.

וואלט איך געוואלט אנפרעגן ביי די עלטערע חסידים וואס געדענקן די צייטן און ווייסן אביסל מער דערפון, דער ענין און די צוגאנג וויאזוי עס איז צוגעגאנגען.

יישר כח וכל טוב סלה.

(-)


ב"ה

בסימן טוב ובמזל טוב

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו

קול ששון וקול שמחה

קול חתן וקול כלה

בשבח והודיה להשי"ת על כל הטוב אשר גמלנו

כן יגמלנו ברוב רחמיו וחסדיו

הננו מתכבדים להזמינכם להשתתף

בשמחת כלולות צאצאינו היקרים שיחיו

החתן

שלום נ"י

עב"ג

הכלה

רחל תחי'

בת ר' אלתר מנחם מנדל ז"ל

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת ביום שלישי

פרשת במדבר אור לר"ח סיון תשפ"ה (27/05/2025)

באולמי "כינור דוד" רח' האומן 2 בית שמש

קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 6:45

נשמח לראותכם משתתפים בשמחתנו

הורי החתן

רפאל אלכסנדר עקשטיין ורעיתו

בית שמש יצ"ו

אם הכלה

מרת לאה שטיינברג

ביתר עילית יצ"ו

עטרת זקנים בני בנים ותפארת בנים אבותם

גם אנו מצטרפים בקריאה של חיבה להזמינכם

להשתתף בשמחת כלולת נכדינו היקרים שיחיו

הרבנית ממאטטסדארף תחי'

הרה"צ משה מנחם עקשטיין שליט"א

דומ"ץ באלאנסא יו"ם

הרה"ח שלמה אבלס שליט"א

פייגא שטיינברג

(אלמנת הרה"ח אברהם זצ"ל)

יולי ואירינה איילבסקי

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

ארייננצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
718.451.8674
עקסטענטשן
840

בס"ד

## ותתו ידידים זמירות שירות ותשבחות

ברכות לרוב יחול על ראשי העסקנים הדגולים, "מקהלות המנגנים בחצרות קדשינו", מהנים את ד' מגרונם לשם ולתפארת

בראשות המשורר הראשי

מוה"ר **איתמר ארגעל** הי"ו

ואתו עמו האברכים החשובים היודעים פרקי שיר

מוה"ר **אליעזר זוסיא סג"ל קרויס** הי"ו

מוה"ר **יהוסף אלקנה סג"ל קרויס** הי"ו

מוה"ר **מרדכי ארגעל** הי"ו

מוה"ר **אלי' סג"ל קרויס** הי"ו

מוה"ר **ברוך אברהם סג"ל נייהויזער** הי"ו

מו"ה **מרדכי** ברא"ב **ארגעל** הי"ו

מו"ה **יוסף יחיאל האלפערט** הי"ו

מו"ה **אלימלך סג"ל לאווען** הי"ו

מו"ה **אלי' שפריי** הי"ו

ותודה מיוחדת להני תרי

מוה"ר **מרדכי ראזענפעלד** הי"ו,

ומו"ה **אלחנן טייטלבוים** הי"ו

וברכה מיוחדת להני סגל מוה"ר **יצחק אייזק ווייס** הי"ו, מוה"ר **יעקב יוסף בלומינג** הי"ו, מו"ה **דוב קארן** הי"ו, והבה"ח **דוד ברנש"ז הערשקאוויטש** נ"ו

שברוב מומחיותם וכשרונותם הברוכים עמדו לנצח במלאכת המוזיק והסאונד.

## להחיות בהם נפש כל חי

שבח יקר וגדולה הננו להביע להנהלת

**קרן חתנים דישיבתינו הק'**

שהעמידו ח"י רוטל משקה וטעימה קלה בהרחבה.

## שיר ושבחה הלל וזמרה

רגשי הכרת הטוב נודה ונביע להני עסקנים הדגולים שעוסקים משך כל השנה ה"ה

**חברה שומרים**

שעמדו למען סידור הפארקינג והבאסעס ושמירה להדלקת המדורה

הלא המה

מו"ה **יוסף לעבאוויטש** הי"ו

מו"ה **משה פישער** הי"ו

מו"ה **אברהם ברייער** הי"ו

הב' **חיים אשר לאנדאוי** נ"י

וכן נודה ונהלל לעסקנים של

**חברה הצלה**

**חברת חברים**

כל הקהל הקודש מודים להם על תוקף פעולתם לסדר הכל לרווחת ולמנוחת הציבור.

## טוב להודות

שבח יקר ותהילה בכבוד ותפארה לכבוד הבעה"ב החשובים אנשי המעש

הרה"ח ר' **אהרן קרויס** שליט"א

ובניו החשובים

מוה"ר **ישראל מרדכי** הי"

ומוה"ר **אליעזר דוד** הי"ו

שבטוב לבם התנדבו העצים לערוך המדורה לכבוד התנא האלקי

וגם לרבות

**בעלי געשמאק קעיטערינג**

**בעלי עי בי געפילטע פיש**

ובמיוחד מו"ה **משה פנחס מאירוביץ** הי"ו

## שבח והודאה

בהכרת טובה מיוחדת הננו מברכים תודותינו מאליפות אל מע"כ

**חברי הנהלת איחוד תלמיד וחסידי טאהש**

ובמיוחד העסקן מו"ה **אשר אנשיל בערגער** הי"ו

על עזרתם המרובה בפרסום המודעות,
וסידור הוק-אפ מהמעמד הדלקה, ושלחן הטהור,
ובמיוחד הדברות קודש.





## וכבוד גדול עשו לו

נעלה על נס האי איש האשכולות העומד בנאמנות משך כל השנה למען כבוד הציון הקדוש

הרה"ח ר' **חנוך דוד שלום ווייגארטן** הי"ו

אשר עמד על משמרתו משך היומא רבא ונשגבה להפוקדים על ציון הקדוש.

## ויסעו ויחנו

תודה והברכה להני גברא יקירא שעסקו ועזרו בהבאת האורחים החשובים, ה"ה

מוה"ר **יעקב הכהן קרויס** הי"ו

מוה"ר **פנחס דוד קעלנער** הי"ו

מו"ה **שלמה יודא סעטלמייער** הי"ו

הבה"ח **אשר זעליג לאנדאוי** נ"ו

## מזמור לתודה

יעלה ויבוא כל הברכות קדם ידידינו החשובים עסקנים הגדולים שעמדו על משמרתם איש איש כפי מהללו

מוה"ר **יוסף צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **זיידא ישראל יצחק מאירוביץ** הי"ו

מו"ה **יואל כהנא** הי"ו

מו"ה **משולם פייש ליבערמאן** הי"ו

מו"ה **מרדכי הערשקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יעקב שאול הערשקאוויטש** הי"ו

מו"ה **דוד עמרם אסבאג** הי"ו

מו"ה **לייב ראטענבערג** הי"ו

מוה"ר **יואל שרגא גאנדעל** הי"ו

מו"ה **אברהם פריעדמאן** הי"ו

מו"ה **בנימין גוטמאן** הי"ו

מו"ה **בערל קליין** הי"ו

מו"ה **יצחק אייזיק כ"ץ** הי"ו

מו"ה **משה לעבאוויטש** הי"ו

מו"ה **שלמה הכהן דייטש** הי"ו

מו"ה **אלימלך דוד סג"ל גאלדשטיין** הי"ו

הבה"ח **צבי שמעון יאקאבאוויטש** נ"ו

הבה"ח **יעקב יוסף שווארץ** הי"ו

הבה"ח **יהוסף סג"ל ראטמאן** נ"ו

הבה"ח **אשר ענזיל ברי"א סג"ל קרויס** נ"ו

## עוסקים בצרכי ציבור באמונה

תודה רבה להני עסקנים הגדולים מאוד נעלה, אשר השליכו נפשם מנגד להצלחת היום

הרב **יוסף מאיר הערשקאוויטש** שליט"א,
מנהל בית צירל

מוה"ר **יצחק נחום האמבורגער** הי"ו, משב"ק

מוה"ר **ישעי' אשר זעליג ראטענבערג** הי"ו

מו"ה **שלום בלום** הי"ו

מו"ה **אשר ענזיל סג"ל קרויס** הי"ו

## מעלין בקודש

בית כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

מוה"ר **יעקב זוסמאן סופר** הי"ו

מוה"ר **ראובן מנחם שווארץ** הי"ו

מוה"ר **יעקב יוסף כהנא** הי"ו

מוה"ר **יואל אלחנן פאפלאנאש** הי"ו

מוה"ר **משה סג"ל ראטמאן** הי"ו

מוה"ר **יצחק נחום האמבורגער** הי"ו

החתן **מאיר יצחק הכהן פישער** נ"ו

הבה"ח **יעקב אלימלך קליין** נ"ו

ובמיוחד נודה ונהלל האי רוח החיים וכביר המעש

מוה"ר **אליעזר הערש הכהן פישער** הי"ו

## אחרון אחרון חביב

הנדיבים בעם שפיזרו מהונם לכבוד התנא האלקי
כל אחד ואחד יבורך ויהולל

# אבותינו ספרו לנו

זכרונות ועובדות מאנשי שלומינו בצל קדשו של רביה"ק ז"ע

**עס דערציילט**
**הרה"ח רבי יעקב יאקאבאוויטש הי"ו**
**מחשובי אנ"ש תושבי בארא פארק**
**ח"ב**

## ביים הייליגן זיידע'ן

עס איז ברייט באקאנט די מורא'דיגע עבודת התפילה פון רביה"ק זי"ע, וואס פלעגט זיך פארציען אויף א לענגערע צייט, מיט א מורא'דיגן קאך און פייער אין יעדע ווארט. האב איך אמאל געהערט פון הרה"ח ר' נחמן דייטש ע"ה - ער פלעגט קומען אויף שבתים אהער קיין טאהש אין די בראשית יארן, און ער פלעגט נאך זיין ביים הייליג'ן סב"ק זי"ע, - אז דער הייליגע רבי פלעגט שוין דעמאלטס, אלס יונגער בחור, דאווענען געוני אויף דעם אופן אזוי ווי אין די שפעטער'דיגע יארן, און דער זיידע האט אים ארויסגעוויזן א שטארקע אויסערגעווענליכע חביבות, ער האט אים גערופן בלשון חיבה 'מיין פיישעלע', דאס איז געווען א אויסנאם וואס ער האט קיינעם פון די אנדערע אייניקלעך נישט גערופן אזוי.

דער ר' נחמן האט מיר אמאל דערציילט, אז איינמאל שבת אינדערפרי' ביים טיש האט דער סב"ק געשיקט א שליח זען ווי זיין אייניקל האלט, וויבאלד דעם רבי'נס עבודת התפילה פלעגט זיך פארצויגן זייער לאנג, און ער האט געקענט ענדיגן דאווענען שפעט נאכמיטאג. דער שליח איז צוריקגעקומען זאגן אז ער האלט ביי 'ויברך דוד', האט אים דער סב"ק איבערגעפרעגט 'ביי ויברך אדער ביי דוד?' ווייל יעדע ווארט איז געווען מיט א באזונדערע עבודה.

## קוקסט וואס ער טוט מיט דעם?

אזוי אויך האב איך געהערט פון אים, אז דער הייליגער סב"ק האט געגעבן פאר'ן רבי'ן מער חנוכה געלט ווי פאר די אנדערע אייניקלעך, און ווען זיי האבן זיך אפגערעדט פארוואס ער באקומט מער ווי זיי אלע, האט ער זיי געענטפערט 'גייטס קוקט וואס ער טוט מיט די געלט'. ווען מען איז געגאנגען קוקן, האט מען פארשטייט זיך, געזען אז ער זוכט אויף א ארעמאן און געבט אים איבער דאס גאנצע געלט וואס ער האט נארוואס באקומען, אזוי האט ער שוין אנגעהויבן מיט זיינע מעשי צדקה וחסד נאך אין די גאר יונגע יארן.

איך האב אמאל מיטגעהאלטן ווי דער ר' נחמן האט עס איבער דערציילט בפניו פונעם רבי'ן, און דער רבי האט געשמייכלט ווען ער האט עס פארציילט.

## בסבר "פנים יפות"

אמאל ווען איך בין געקומען צום הייליג'ן רבי'ן אויף טאהש, בין איך תיכף ביים אנקומען געגאנגען שלום נעמען, דער רבי האט נאך דאן געהאלטן פאר'ן דאווענען, און נישט געוואלט געבן די האנט, נאר די רבי האט מיר געגעבן א ווייז אויפ'ן ספרים שאנק, ווי צו זאגן אז איך זאל נעמען א ספר ביזדערווייל ער דאווענט.

דארט איז פונקט געווען דער ספר 'פנים יפות', און איך האב מיך געגעבן אזא רוף און, ווייזנדיג אויפ'ן ספר הוי מקבל את כל האדם בסבר (בספר) "פנים יפות"... דער רבי האט זיך צושמייכלט, און מיר געגעבן שלום.

## "זאג די ברכות"

איך געדענק ווען כ"ק רבינו שליט"א איז נאך געווען א קליין קינד, פלעגט ער שטיין נעבן דעם הייליג'ן רבי'ן ביים דאווענען. איין וואך שבת צופרי איז געווען שטארק קאלט, און די רביצין האט זייער אכטונג געגעבן אויפ'ן רבי'ן, זייענדיג דאן א אינג קינד, האט זי אים נישט געלאזט גיין אין ביהמ"ד צום דאווענען.

ווען דער הייליגע רבי איז אריינגעקומען צום בייטאג טיש, האט ער דארט צוגערופן דעם רבי'ן שליט"א, און אים געזאגט: 'אלימלך'ל, זאג די ברכות', די הייליגע רבי האט אויפגעמישט א סידור, און אזוי אויסגעהערט ברכות השחר.

## זיין גדלות בתורה

עס שטייט פון צדיקים אז יעדער צדיק נעמט א מדה און מיט דעם באהאלט ער זיין גדלות, ביים הייליג'ן רבי'ן האט דער עולם נישט אזוי געוואוסט אז דער רבי איז א גדול בתורה, כאטש די וואס זענען געווען נאנט, מענטשן בעלי השגה האבן יא געזען, איז אבער אין די וועלט אין אלגעמיין נישט געווען אזוי באקאנט.

איך געדענק א אסיפת הרבנים אין מאנטריאל איבער א שאלה אין הלכות שבת, דארט איז געווען דער וועלט בארימטער גאון רבי פנחס הירשפרונג ז"ל, מיט נאך פארשידענע רבני העיר, און דער רבי האט דאן געזאגט זיין חוות דעת איבער די נושא דארט. ווען רבי פנחס האט געהערט אז דער רבי זאגט עפעס האט ער געפרעגט 'וואס זאגט דער טאהש'ער רבי?' און דער רבי האט עס צוגעוויזן אינעווייניג פונקטליך אויף וואס ער האט געבויעט זיין פסק, ווי רבי פנחס האט עס זייער מפליא געווען די געוואלדיגע בקיאות התורה.

## ממדריגה למדריגה תעלנו

איך וויל אויך זאגן פאר די וואס ווען מען רעדט פון רבי'ן טראכטן זיי 'נו, דער רבי איז דאך געווען א געבוירענער מלאך, וואס קען מען זיך שוין אפלערנען?' וויל איך פארציילן איבער דאס תהלים זאגן, היות איך בין געווען פון די ערשטע תלמידים פון די ישיבה נאך אין שנת תשכ"ד לפ"ק, האב איך מיטגעהאלטן אז דעם רבי'נס סדר מיט תהלים זאגן יעדן טאג האט זיך אנגעהויבן מיט איין יום תהלים, נאר שפעטער האט ער צוגעלייגט נאך און נאך, ביז ער האט געענדיגט זאגן גאנץ תהלים יעדן טאג. מען קען זען אז דער רבי האט אויך נישט אנגעהויבן מיט איין מאל, נאר ער איז געגאנגען צוביסלעך, אזוי ווי אלע ערליכע אידן.

## ארויסגיין פון וועג צו מפייס זיין א איד

מיט זיינע הייליגע און לויטערע אהבת ישראל האט די הייליגע רבי אכטונג געגעבן נישט פוגע צו זיין אין א צווייטן

איד, און אויב עס האט זיך אים געדאכט אז איינער האט זיך באליידיגט פון עפעס, האט ער געטוען אלעס אין דער וועלט אז יענער זאל זיך שפירן גוט. אמאל האט ער געקענט געבן כבוד מלכים פאר א איד גאנץ שבת אויב האט ער געהאט א חשש דחשש אז יענער איז געווארן נפגע פון עפעס א קליינינגקייט.

איך געדענק א מורא'דיגע מעשה פון די בראשית יארן. עס איז געווען א געוויסע החלטה אין די מוסדות וואס איז אויסגעקומען אז איינע פון די מקורבים פון רבי'ן האבן געהאט א שטארקע חלישות הדעת דערפון, און ווי פארשטענדליך האט די רבי אויסגעטייטשט אז ס'איז מעגליך אז ער וואלט געקענט מונע זיין ס'זאל געשעהן.

ווען עס איז געקומען א יאר שפעטער שמחת תורה, ביי די זעקסטע הקפה שמחת תורה אינדערפרי, און מען האט אנגעהויבן זינגען 'האדרת והאמונה' וואס דאס איז געווען זייער א הויעכע צייט ווען דער רבי האט דאן אראפגעלייגט א פארפלאמטע עבודה, האט דער רבי יענעם יאר געעפנט די אויגן און אויפגעזוכט דעם איד און אים אריינגערופן אינמיטן ביהמ"ד, און אים איבערגעגעבן זיין ספר תורה און אנגעהויבן טאנצן ווייטער אזוי אנגעכאפט מיט אים. אזוי ווייט איז דער רבי געגאנגען אין דעם.

## נישט צו פארשעמען א איד

דער מנהג איז געווען אז איינער וואס האט געמאכט א קידוש להולדת הבת האט געברענגט א טעלער פערפל פאר'ן רבי'ן צו קידוש מאכן. (דאס איז ווי באקאנט די מנהג ביי רביה"ק ויבלחט"א מרן רבינו שליט"א, וויבאלד אויף מזונות איז אביסל שווער אויסצורעכענען וויפיל דער שיעור איז, און ביי פערפל איז גרינגער צו אויסרעכענען מיט א לעפל).

איינמאל האב איך געזען ווי דער רבי מוטשעט זיך צו עסן, שפעטער האב איך באמערקט אז דאס פערפל איז שוין געווען פארדארבן, אבער דער רבי האט זיך אנגעשטרענגט צו עסן א גאנצע לעפל, נישט צו פארשעמען דעם בעל שמחה.

## געשטעלט אלס גבאי

ביי יעדע געלעגנהייט האט די הייליגע רבי אכטונג געגעבן אויף די כבוד פון אנדערע. איך געדענק ווען איינמאל איז א געוויסע אדמו"ר געקומען אויף שבת קיין טאהש, האט מיר דער רבי צוגערופן ערב שבת, זאגנדיג דער חשובע'ר גאסט דארף א גבאי, איך וויל אז דו זאלסט זיין זיין גבאי אויף שבת'. כאטש ער האט געהאט א גבאי וואס איז מיטגעקומען מיט אים, האב איך פארשטאנען אז דער רבי וויל אז איך זאל זיכער מאכן אז ער האט טאקע אלעס בכבוד הראוי. איך האב עס געטון במסירות, און מוצאי שבת איז די גאסט צוגעגאנגען צום רבי'ן, און ער האט געזאגט פאר'ן רבי'ן, וויזנדיג אויף מיר 'דאס איז טאקע א גבאי', און דער רבי האט שטארק הנאה געהאט.

## די אתרוגים פאר'ן הייליג'ן רבי'ן

איך האב ב"ה שוין די זכי' פאר לאנגע יארן צו זיין א אתרוג סוחר פאר אידן מדקדקים, און אויך האב איך געהאט די זכי' צו ברענגען יעדעס יאר א אתרוג פאר'ן הייליג'ן רבי'ן, אויף וואס דער רבי האט געמאכט די ברכה.

איך בין אריינגעדרייט געווארן אין דעם פעלד בדרך אגב, נאכדעם וואס איך בין אמאל מיטגעפארן מיט הגה"צ רבי יחזקאל ראטה זצ"ל בעל עמק התשובה צו געבן א השגחה אויף די פעלדער אין איטאליע, און דארט האט מיר א סוחר אנגעטראגן אז איך קען נעמען פון אים אתרוגים. למעשה זענען געווען אזעלכע וואס האבן געהאט טענות אויף מיר אז איך גיי אריין אין א פעלד וואס אנדערע האבן שוין געטון פון פארדעם, האב איך גערופן דעם רבי'ן פרעגן וואס איך זאל טון, האט מיר דער רבי געזאגט, 'אויב עס איז דיר אונטערגעקומען אן דעם וואס דו זאלסט טוען עפעס פאר דעם, זאלסטו עס זיכער נעמען', אזוי האב איך טאקע געטוען, ב"ה צו לאנגע געזונטע יארן.

איך דאנק דעם אויבערשטן אויף די זכי' אז פון דעמאלטס האב איך געהאט די זכי' צו שיקן יעדעס יאר א אתרוג פאר'ן רבי'ן, אויף וואס דער רבי האט געבענטשט. דער רבי האט מיר געזאגט ווען איך האב אים געפרעגט וועלכע סארט אתרוג ער דארף, 'דו פארשטייסט דאך גאנץ גוט צו אן אתרוג, איך דארף א שיינעם אתרוג, לכתחילה מיט א פיטום, אבער אויב עס איז נישט אזוי שיין, שיק איינס מיט א פיטום און א שיינע אן א פיטום'. למעשה האב איך יעדעס יאר געשיקט א הערליכן אתרוג מיט א פיטום, און דער רבי האט זייער הנאה געהאט פון 'יענקלס אתרוג' וואו ער האט עס גערופן בלשון חיבה.

איך בין געווען יעדעס יאר אויף די צווייטע טעג סוכות אין טאהש, און זייענדיג דער וואס האט געברענגט דעם אתרוג האט מען מיר אריינגעלאזט אין דעם רבי'נס קליינע סוכה אויף הושענא רבה אינדערפרי ווען דער רבי האט געבענטשט אויפ'ן אתרוג. עס איז געווען א מחזה הוד! די הייליגע רבי האט גענומען דעם אתרוג אין די האנט, און זיין פנים האט אויסגעזען ווי קליין קינד וואס דער טאטע האט אים צום ערשטן מאל געקויפט א אתרוג... מיט אזא שמחה און פינקלדיגע אויגן האט ער אנגעקוקט דעם אתרוג, און מיט א אויסערגעווענליכע שמחה של מצוה א פייער און ברען האט ער געמאכט די ברכה און די נענועים. עס וועט מיר נישט ארויסגיין פון קאפ די לעבטיגע זכרונות.

כאטש איך האב עס געגעבן במתנה גמורה בחפץ לב, האט דער רבי יא מקפיד געווען צו באצאלן בכסף מלא. אזוי אויך דער האט רבי אויך זייער אכטונג געגעבן מיר צו שיקן דאס געלט נאך פאר יו"ט. ער האט ספעציעל אויפגעזוכט א שליח מיר צו שיקן דאס געלט קיין בארא פארק, אז עס זאל זיין 'לכם' מיט אלע הידורים.

**זכותו יגן עלינו**



נייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב
**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

# במקהלות

ישיבה קטנה 'תפארת משולם פייש'
ד'טאהש - ניו יארק:

## בחורי הישיבה פראוועו א גאר דערהויבענע ל"ג בעומר בצל הקודש

מיט א גאר שטארקע הכנה דרבה פון לימוד התורה ברציפות און מיט חזרת הלימודים האבען זיך די בחורי הישיבה געגרייט צום הייליגן טאג ל"ג בעומר, ווען דער חשובער מנהל, משגיח און מגידי שיעור שליט"א האבען אין די דרשות און שמועסן ברייט ארומגערעדט בעניני דיומא רבא, און וואס דאס איז מחייב די בחורים אויף למעשה מדי יום ביומו, בהתמדת התורה ובעבודת התפלה ובמדות טובות.

פארגאנגענעם דאנערשטאג פר' אמור העעל"ט, נאך א פלאמעדיגע תפלת שחרית ופת שחרית האבען זיך די בחורי הישיבה ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין קרתא קדישא קרית טאהש יע"א, צו פראווען און מיטהאלטן דעם דערהויבענעם מעמד הדלקה ושלחן הטהור בצל קדשו פון רבינו שליט"א.

אויפן וועג איז אויסגעטיילט געווארן א ספעציעלן קונטרס, וואו ס'איז געדרוקט לימודים בעניני דיומא רבא, גמרא מס' שבת, זוהר הקדוש עפ"י מתוק מדבש, בני יששכר, עבודת עבודה, פיוט בר יוחאי באידיש, אגרת הרמב"ן, תפלת הדרך, אין וואס די בחורים האבען עוסק געווען אויפן וועג און מקיים געווען דעם ובלכתך בדרך.

ביים אנקומען איז מען ארויס צום ציון הקודש פון רביה"ק זי"ע, אויסזאגענדיג ספר תהלים בראשות רבינו שליט"א בהאי זמן ומקום המסוגל לקיבול תפלות.

נאך תהלים זענען די בחורי הישיבה אריין אל הקודש פנימה, וואו יעדע בחור האט שלום גענומען און באקומען ברכת הקודש, און דער רבי האט משמיע געווען דברות הקודש בקדושת הזמן.

נאכן טועם זיין סעודת ערב, האבען די בחורים געהאט די זכי' אריינצוגיין אין אלטן בית המדרש'ל הפרטי פון רבינו הקדוש זי"ע אויפן אויבערשטן שטאק פון בנין הישיבה גדולה, וואו די חשובע מרביצי תורה האבען איבערגעגעבן און געוויזן די למעלה מדרך הטבע'דיגע מחזה נורא עבודת הלוי ועבודת עבודה וואס ס'האט זיך אפגעשפילט אין דעם קליינעם בית המדרש'ל מדי יום ביומו.

מיט א אינהאלטספולע 'דרשת הכנה' האט אויפגעטרעטן ספעציעל פאר די בחורי הישיבה דער חשובער ר"מ ופה מפיק מרגליות הרב הגאון רבי יואל גאנדעל שליט"א בגודל קדושת היום כי נורא הוא, און די געוואלדיגע זמן פונעם מעמד הדלקה.

די בחורים זענען אהיימגעקומען מיט א געוואלדיגע התחזקות והתעלות ווייטער צו שטייגן מעלה מעלה, און מיטן זיך גרייטן מסיים צו זיין, און חזר'ן גאנץ מסכת שבת בבהירות.

תורתו מגן לנו!

תלמוד תורה בית יודא ד'טאהש:

## נייע פראגראם "ברכנו בברכה המשולשת" ערצייגט דורך הנהלת התלמוד תורה

א ספעציעלע נייע פראגראם איז אין די יעצטיגע טעג ארויס געקומען בשער בת רבים, דורך הנהלת התלמוד תורה בית יודא ד'טאהש, ווי די קינדערלעך פון די חדר וועלן ארויפגיין יעדע ערב ראש חודש צום ציון הקודש פון רבינו הקדוש זי"ע, צו זאגן תהלים און מזכיר זיין אלע תומכי המוסד, פון א מינימאלע השתתפות פון

$36 אדער $54 א חודש.

עס איז ברייט באקאנט וואס רבינו הקודש זי"ע פלעגט נאכצוזאגן פון רבינו הסבא קדישא זי"ע, אז ער האט גע'פועל'ט אין הימל אז "ווער ס'איז מהנה מוז ביי אונז געהאלפן ווערן", און רביה"ק זי"ע האט דאס ספעציעל דערמאנט ביים בויען די ערשטע בנין לטובת התלמוד תורה. ובפרט ווען עס איז די הייליגע קינדערלעך תלמידים הקרוים בנים, פון זיין הייליגע מוסד. ובפרט אין אזא עת רצון ווי ערב ראש חודש, וואס איז א יום המסוגל צו פועל'ן ישועות, המשלשים בשלש קדושות, די זמן איז הייליג, די מקום איז הייליג, דורך די הייליגע תינוקות של בית רבן, וועלן די חשוב'ע תומכים זיכער אויס'פועל'ן אלעס גוטס.

פארגאנגענעם מוצש"ק אמור זענען די חברי הנהלה ספעציעל אריין אל הקודש פנימה צו כ"ק מרן רבינו שליט"א און פארגעלייגט די נייע מפעל, ווי דער רבי האט ספעציעל אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר אלע תומכים, און מיט גרויס התרגשות זיך אויסגעדרוקט "אז מען טוט פאַרן צדיק'ס מוסד, וועט דער צדיק צוריק טוען".

זייט דעם פארגאנגענעם ל"ג בעומר האבן זיך שוין ב"ה אנגעשלאסן א שיינע עולם, די בקשות קומען אריין זייער ווארעם, וכן יעזור ה' להלאה.

לכבוד די עפענונג פונעם פראגראם, וועט דעם קומענדיגן ערב ראש חודש סיון געגעבן ווערן א ספעציעלע געלעגנהייט זיך מזכיר צו זיין בחנם, פריי פון אפצאל, אזוי אויך וועט זיין א ספעציעלע מעמד תפילת השל"ה, ווי די קינדער וועלן זאגן תפילת השל"ה צוזאמען מיט גרויס התלהבות.

שיקט אריין אייער אינפארמאציע דורכ'ן איינרופן 845.402.8674, זאגט אריין אייער נאמען און טעלפאון נומער, און די עסקנים וועלן זיך פארבינדן מיט אייך. און ווי פארשטענדליך וועלן די תומכים זעהן גרויסע ישועות ורפואות און השפעות טובות עד בלי די.

גם היום יושעו מפיהם של תינוקות של בית רבן.

כולל עטרת תפארת מרדכי:

# גרויס שפאנונג און אינטערעסע צום ערשטמאליגן היסטארישן יום שכולו תורה

גרויס שפאנונג הערשט ביי כלל תושבי קריתינו הק' צום ערשטמאליגן היסטארישן יום שכולו תורה וואס ווערט אפגעראכן אין צוזאמענהענג פון די גרויסע "התורה כוללת" קאמפיין, לטובת די מעכטיגע תורה אימפעריע כולל עטרת תפארת מרדכי ד'טאהש.

ווי עס איז ברייט באוויסט צווישן כלל אנשי שלומינו איז אין די לעצטע שטיק צייט אריינגעקומען פרישע כוחות און ענערגיע בין כותלי הכולל, ווען בהורמנא דמלכא איז געשטעלט געווארן א פרישע הנהלה וואס זאל זיך אפגעבן מיט אלע גשמיות'דיגע איינגעלעגנהייטן אינערהאלב די כולל, און צוגאב אוועקשטעלן די רוחניות'דיגע פעסטונג איף א פיל שטערקערן ניוואו ווי ביז היינט.

זינט די געטרייע הנהלה זענען אריין אין שוואונג, האבן זיי צום ערשט אריינגעלייגט פיל כוחות אויפצוהייבן די שעצונג און מעלה פון די חשוב'ע בני תורה, ווען צווישן די 4 ווענט פונעם כולל איז געטון געווארן דראסטישע שינויים לטובה וואס זאל צופרידנשטעלן די געטרייע לומדים, ווי העכערן די געהאלט און מייסד זיין פרישע חבורות און פיל נאך.

אבער ווי באוויסט די כלל וואס חכמז"ל האבן אראפגעשטעלט, אז אם אין קמח אין תורה, האבן זיך די געטרייע הנהלה אריינגעווארפן זעהן וויאזוי די פינאנציאלע חלק גייט צו, און נאכן עס דורכנישטערן האט מען זיך געטראפן מיט א גרויסע לאך סיי פון אנגעזאמעלטע חובות וואס ווי פארשטענדליך געבט דאס צו צו א התרשלות פאר די ראשי החבורות און די יונגעלייט צוגלייך, און צוגאב דערצו האט מען זיך זיך אויך דערזעהן אן א קלארע לאגיסטישע פלאן וויאזוי צו דעקן די טעגליכע בודזשעט.

אי לזאת האבן די געטרייע וועד ההנהלה באשלאסן ארויסצוקומען צום ציבור מיט א ערשטמאליגן היסטארישן קאמפיין וואס זאל הייבן די אויגן ברעמען פון אלע תושבי הקריה, און געבן די געפיל פאר אלע תושבים צוגלייך, אז די כולל מוז אנגיין, און עס קען נאר אנגיין מיט א ברייטהאציגע שטיצע.

מאת ה' היתה זאת אז די קאמפיין געפאלט הארט בעפאר די יו"ט שבועות, האבן די געטרייע וועד באשלאסן צו צונויפזאמלען אלע תושבים און תומכים צו א ערשטמאליגן מעמד יום שכולו תורה, ווי יעדער זעלבסט וועט זיך שפירן ווי א כולל יונגערמאן און גלייכצייטיג מאכן די ריכטיגע הכנה לקבלת התורה.

ביי די מעמד וועט אינאיינעם געלערנט ווערן גאנץ סדר מועד אויף א גאר סאפיסטאקירטע סדר וואס וועט ווערן איינגעטיילט פאר אלע תומכים ולומדי הכולל צוגלייך, און נאכ'ן פילן די מתיקות התורה פון א פעסטע סדר שעות רצופות וועט געפראוועט ווערן א ראש חודש טיש בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א, רייך און עלעגאנט ווי קיינמאל בעפאר, ווי אלע חשוב'ע תומכים וועלן באעהרט ווערן ווי עס פאסט לכבודה של תורה.

צווישן די עסקנים וואס די געטרייע הנהלה האט אוועקגעשטעלט זענען די הכנות אויפן העכסטן ניוואו וואס שייך, און די אטמאספערע ביים ציבור שטייגט פון טאג צו טאג צו זיין פארזיכערט מיט א פלאץ ביים היסטארישן מעמד, דורכ'ן זיך אנשליסן מיט'ן קאמפיין. צו נעמען א טייל אין די קאמפיין ווענדט אייך צו די חשוב'ע גבאי מו"ה יוסף חיים מארקאוויטש הי"ו: 438.365.5344

ובאו כולם בברית יחד נעשה ונשמע אמרו כאחד.

ספעציל
פראיעקט ז

תלמ
תור
בית י
ד'טאה

באתרא ד
קרית טאהש

# ברכנו בברכה המשולשת

| | | |
|---|---|---|
| יבאו טהורים | ויתעסקו בטהורים | במקום קדוש וטהור |
| די לעבטיגע תינוקות של בית רבן תלמידי התלמוד תורה | די דורכגעווייקטע קאפיטלעך תהילים | ביים ציון המצויינת פון מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע |

מייסד ונושא בעול של המוסד הקדוש

## - א יעדן ערב ראש חודש -

רופט יעצט אריין און אפיס זיך אויפצוסיינען

**845.402.TOSH (8674)**

## למען תומכי התורה בטהרה

**$36** לחודש
$432 לשנה

די חשובע נדבנים
וואס זענען זיך
משתתף מיטן סכום

וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין
און לייגן אייער קוויטל יעדן ערב ראש
חודש ביים רבינס ציון אלס מליצי יושר

**$50** לחודש

די חשובע נדבנים
וואס זענען זיך
משתתף מיטן סכום

די הייליגע קינדער וועלן מתפלל זיין,
לייגן אייער קוויטל און צינדן א לעכט
יעדן ערב ראש חודש

האנדלט זיך איין דעם אומשאצבארע זכות
און שטיצט דעם הייליגן רבי'נס ירושה

מפעל
**פועל ישועות**
תפילות התשב"ר
בכל ערב ראש חודש

תלמוד תורה
בית יורא דקרית טאהש

אצל ציון המצויינת של צדיק הדורות
מרן רביה"ק מטאהש זי"ע

argaman 845.388.1898

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

בהר - בחקתי - תשפ"ד לפ"ק


## מיטוואך פר' אמור

נאכמיטאג האט רבינו שליט"א געמאכט 'ברכת האילנות' בחצר ביתו נאוה קודש.

## דאנערשטאג פר' אמור - אול"י ל"ג בעומר

"אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו בהילולא דבר יוחאי", דאס זענען די התרגשות'דיגע געפילן פון אנשי שלומינו וואס האבן געהאט די זכי' זיך מסתופף צו זיין בצל הקודש דעם פארגאנגענעם ל"ג בעומר, אנגעהויבן מיט די אמירת כל ספר תהלים דאנערשטאג נאכמיטאג גרויס התעוררות ביים ציון הקדוש, און שפעטער תפילת מנחה מעריב און פייערדיגע ספירה ציילן פון רבינו שליט"א, דערנאך די גרויסארטיגע מעמד ההדלקה במקהלות עם רב, די שיסן פייל און בויגן, נאכפאלגענדיג מיט די געהויבענע שלחן הטהור לכבוד התנא אלקי, און דערנאך די דערהויבענעם שבת קודש, ווי א גרעסערע טייל פון די געסט זענען שוין פארבליבן און מיטגעהאלטן א שבת ביים רבי'ן.

⋄

נאכמיטאג איז דער רבי ארויס צום ציון הקדוש פון רבינו הקדוש זי"ע ברוב עם, אויסצוזאגן גאנץ ספר תהלים לפעול דבר ישועה ורחמים למען הכלל והפרט, בזכותו הגדול פונעם הייליגן תנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי.

דער רבי האט זיך אנגעלאנט אויפן ציון הקדוש פאר עטליכע מינוטן, דערנאך געציטערט לעכט לכבוד התנא אלקי, און אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים מיט גרויס התעוררות און השתפכות הנפש.

נאכן ענדיגן גאנץ ספר תהלים, האט מען געזאגט די יהי רצון און וי"ג מדות של רחמים, דערנאך האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש, **דער הייליגער צדיק רביה"ק זי"ע פלעגט שטענדיג צו זאגן אז רבי שמעון איז דא מיט אונז, האט מען זיכער גע'פועל'ט אלעס גוטס, השפעות טובות ישועות ורפואות לנו ולכל ישראל.**

⋄

במשך די נאכמיטאג שעות האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדרו הפרטי א לענגערע צייט, אלע אורחים החשובים, צווישן אנדערע זענען אריין אל הקודש פנימה תלמידי ישיבתינו הק' "תפארת משולם פייש" אין ניו יארק, בראשות דער משגיח הרה"ג רבי מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א, אינאיינעם מיט די רמ"י הישיבה שליט"א, וואו די בחורים זענען אריבער געגאנגען שלום נעמען, און דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש בגודל סגולת הזמן.

⋄

פארנאכטס איז דער רבי אריינגעקומען צו תפילת מנחה מעריב בהיכל הכוללים, צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען צום עמוד הרה"ג ר' יואל גאנדעל שליט"א, ר"מ בישיבה"ק תפארת משולם פייש אין ניו יארק, דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, און דערנאך פארגעציילט ספירת העומר מיט גרויס התעוררות.

תיכף נאך מעריב איז דער גאנצע ציבור ארויס צום שטח ההדלקה, ברחבת בניני מוסדותינו הקדושים, וואו עס זענען זיך צוזאמגעקומען א ריזן ציבור אנשים נשים וטף, תושבי קריתינו הק' און הונדערטער אורחים החשובים, די רבנים הגאונים שליט"א אויפן בימת הכבוד פארנט פונעם בנין ביהמ"ד הגדול, די זקני העדה ביי די ספעציעלע דעזיגנירטע פלעצער אונטערן אויבן אן, ווי אלע פלעצער זענען בליץ שנעל פיל געווארן מקצה אל הקצה, די פארענטשעס פון אברכים ובחורי חמד תלמידי ישיבותינו הקדושות, און קעגן איבער די פארענטשעס פון ילדי תשב"ה, און די גאנצע חלל השטח.

דער רבי איז ערשינען אויפן שטח הדלקה און ארויף אויפן בימת הכבוד, און מען האט געזונגען ווארימע ניגונים מיט גרויס התעוררות און דביקות פאר א לענגערע צייט, אנגעפירט דורך די מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו.

דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש בלהבת אש, איבער די גרויסקייט פונעם היינטיגן טאג, און מעורר רחמים געווען למען הכלל והפרט, זאגענדיג אז **דער הייליגער תנא רבי שמעון איז געווען די נשמה פון משה רבינו, משה רבינו האט אריינגעשיינט אין אידישע קינדער די כח הדעת, רבי שמעון האט מיט די ספר הזוהר אריינגעשיינט אין אידישע הערצער, וואס די כח באגלייט אונז עד היום הזה.**

**די וואכעדיגע סדרה זעהט מען אין די פרשה אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו, זאגט רש"י הקדוש די דאפעלטע לשון איז, להזהיר גדולים**

**על הקטנים. זאגן די ספרים הק' אז 'גדולים' איז מרמז אויף די צדיקים וואס במיתתן זענען זיי 'גדולים' יותר מבחייהן, זיי טוען ארויפשיינען אויף אונז, אז לנפש לא יטמא בעמיו, בעמיו ווייזט אויף גחלים עוממין, די נשמות וואס זענען נעבעך פארשלאפן, אין די שווערע נסיונות הזמן, שיינען די צדיקים ארויף אויף אונז, אז לא יטמא, מען זאל נישט פארפאלן ווערן, מען זאל זיך נישט אויסלעשן, מען זאל זיך ווייטער קענען האלטן הייליג אינעם גלות, טראץ די שווערע נסיונות אין די ביטערע גלות. די מתנה האט מען געגעבן פארן הייליגן תנא, ביומא דהילולא דילי', ער זאל קענען ארויפשיינען אויף אונז, זיך צו האלטן שטארק אינעם גלות, ביז מען וועט זוכה זיין צום גאולה השלימה.**

**מען זעהט אין אדרא, פאר רבי שמעון בר יוחאי איז נסתלק געווארן, האט ער געמאכט א רינג פון די חבריא קדישא, און מגלה געווען די סתרי תורה. דעמאלטס האט ער געזאגט די פסוק 'הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד כי שם צוה ה' את הברכה חיים עד העולם'. וואס איז געווען די פשט, נאר דאס קומט צו ווייזן פאר אונז, וויאזוי וועלן אונז זיך קענען האלטן אין די שווערע גלות, נישט אריינגעשלעפט צו ווערן אין די גלי הים פון די נסיונות הזמן, האט ער געמאכט א רינג, וואס דאס איז געווען זיך צו באשיצן פון די חיצונים און שלעכטע כוחות, האט ער אונז געוואלט ווייזן אז מען דארף זיך מאכן א רינג, פון גדרים וסייגים, וואס נאר אזוי וועט מען זיך קענען האלטן, דורך די גדרים וסייגים, און דורך זיך האלטן צוזאמען באחדות, דעמאלטס וועט זיין "כי שם צוה ה' את הברכה חיים עד העולם", דורך די כח הרבים פון א כלל ישראל וואס האלט זיך צוזאמען, און מען היט אפ די תורה הק' מיט א שטארקייט, דאס היט אונז אפ פון אלע שלעכטע כוחות החיצונים וסט"א זיי זאלן נישט קענען צוקומען צו אונז.**

רבינו הקדוש זי"ע האט אויפגעשטעלט די שטאט, מיט די כח פון די צדיקים, די תלמידי בעש"ט הק' זי"ע, וואס נאר מיט זייער כח קענען אונז אנגיין ביז ביאת המשיח, מיט איין ציל, אז מיר זאלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער מיט א אפגעהיטנקייט, מיט גדרים וסייגים ווי אזוי זיך אויפצופירן, בצניעות, בקדושה ובטהרה, און מיט א אחדות. מיט דעם כח וועט די סטרא אחרא און מקטריגים נישט קענען אריינקומען ביי אונז. 'הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים', ווי שיין איז אז מען האלט זיך צוזאמען, אזוי ווייט אז 'גם יחד', דער הייליגער באשעפער זאל אויך אריינקומען צווישן אונז. און ח"ו טאמער טוט מען ברעכן א תקנה, האט מען א גרויסע אחריות, וויבאלד מען לערנט זיך ח"ו אפ איינער פונעם אנדערן, נאר מען דארף טראגן א אחריות אז די שכינה הק' זאל רוען צווישן אונז. און מיט דעם זכות וועט מען זוכה זיין צו אלע ברכות און ישועות, געזונט פרנסה און נחת פון די קינדער, ביז מיר וועלן זוכה זיין צום ביאת גואל צדק, בב"א.

דערנאך האט מען ממשיך געווען מיט ניגוני הכנה והתעוררות, דער רבי האט צוגעטרעטן צום מקום ההדלקה צו גיסן די שמן משחת קודש, דערנאך האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, צו גיסן די אויל.

די זכות יציקת השמן איז געקויפט געווארן פאר הרה"ח הישיש ר' הערש לייב וויינבערגער שליט"א, דורך בניו ונכדיו החשובים, און די זכות הדלקה איז געקויפט געווארן פאר הרה"ח ר' שלמה בלעקמאן שליט"א דורך משפחתו החשובה.

דער רבי האט אנגעצינדן די מדורה לכבוד התנא אלקי, בשעת די גאנצע ציבור הייבט זיך אין פייערליכע ריקודין עילאין, דערנאך איז דער רבי צוריקגעגאנגען על מקומו אויפן בימת הכבוד, און זיך ארויסגעלאזט אין געהויבענע ריקודין פאר א לענגערע צייט. דערנאך האט מען געזינגען די פיוטי בר יוחאי ואמרתם כה לחי, און הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א האט פארגעזינגען 'אמר רבי עקיבא', און די ריקודין עילאין וניגוני שמחה האבן אנגעהאלטן פאר א לענגערע ווילע טאנצענדיג מיט א התלהבות דקדושה לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי.

דערנאך האט דער רבי געשאסן פייל און בויגן אויף אלע זייטן כנהוג.

◆

נאכן מעמד הדלקה איז דער ציבור אריין אין ביהמ"ד הגדול און זיך געוואשן צום סעודת הילולא קדישא, משולב מיטן סיום מס' שבועות, וועלכע איז געלערנט און געענדיגט געווארן דורך די הונדערטער חברי חבורת מזון הנפש דקהלתינו הק', וואו עס איז געווען צוגעגרייט א רייכע סעודה לכבוד היום. במשך'ן סעודה האבן די מקהלות המנגנים מהנה געווען בשירה ובזמרה לכבוד היום.

דער רבי האט געצינדן די ליכט און זיך געוואשן צום שלחן הטהור. נאך די פיש האט דער רבי געוואונטשן לחיים, און פארטיילט שירים.

כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א האט געמאכט די סיום אויף מס' שבועות והתחלת מס' עבודה זרה במסגרת חבורת מזון הנפש, תיכף נאך קדיש האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פייערליכע ריקודין נלהבים לכבוד שמחת התורה, און א ספעציעלן טאנץ מיטן פטרון החבורה אב"ד קלוזש שליט"א.

שפעטער האט דער רבי מכבד געווען פארצוזינגען די פיוטי היום, הרה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, הרה"ג ר' חיים לייב כהנא שליט"א, און דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט טאנצן פייערדיגע ריקודין אויף אמר רבי עקיבא פאר א לענגערע צייט, הייבנדיג די גאנצע ציבור מיט התרוממות הנפש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א חבר הנהלת הקהלה ותומך חבורת מזון הנפש, שיר המעלות הב' אלחנן טייטלבוים נ"י.

תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו הוא ימליץ טוב בעדינו אדונינו בר יוחאי!

## עש"ק פר' אמור – ל"ג בעומר

במשכ'ן טאג זענען פארגעקומען בביתו נאוה קודש די אפשערן'ס פון די חאלאקע קינדערלעך, ב"ר יושע מאנדעל הי"ו, ב"ר משה ראזענצווייג הי"ו, וואו דער רבי האט אפגעשוירן די האר, אנגעטון קאפל און ציצית, געבענטשט די קינדער, דערנאך ווארעם אנגעוואונטשן די עלטערן ובני משפחה.

## שבת קודש פר' אמור

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד, און די לעכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת, מען האט געזינגען בר יוחאי פאר כגונא, נאכן דאווענען איז די ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

⬥

ביים שלחן הטהור זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרה"ג ר' מתתי' יואל קאהן שליט"א, ראש הכולל דקהלתינו הק' מאנטריאל. מיט די זמירות: הרה"ח ר' הערשל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ח ר' חיים אלתר פעלבערבוים הי"ו פון בארא פארק, מוה"ר משה אהרן גאנדל הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא הכהן לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, העסקן הדגול מוה"ר אהרן הכהן פיקסלער הי"ו פון וומסב"ג, מוה"ר יעקב ברוך סיימאן הי"ו פון טאראנטא.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

רבינו שליט"א הגבהת הכוס העסקן הדגול מוה"ר יואל שרגא גאנדעל הי"ו משמש דבית מדרשינו מאנטריאל, שיר המעלות הב' אביגדור יודא גראס נ"י פון וומסב"ג. שבח נותנים מוה"ר משה ישעי' שווארץ הי"ו מנהל התאחדות אברכים בארא פארק.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

⬥

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, פסוקי דזמרה האט געדאווענט מוה"ר חיים יוסף יודא גרינוואלד הי"ו, צו שחרית איז צוגעגאנגען מוה"ר אליעזר זוסיא סג"ל קרויס הי"ו.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ג ר' מתתי' יואל קאהן שליט"א, ראש הכולל דקהלתינו הק' מאנטריאל, לוי הרה"ח ר' הערשל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג, שלישי הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו, רביעי מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו משב"ק, חמישי מוה"ר חיים נחום מערמעלשטיין הי"ו, ששי הרב יחיאל מאיר לייפער שליט"א פון מאנסי נכד רביה"ק זי"ע, שביעי הרב יוסף צבי קליין הי"ו, אחרון מוה"ר שמואל דוד גוטמאן הי"ו, יו"ר מכון עבודת הלוים קרית יואל.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, מפטיר האט עולה געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הגבה מוה"ר אהרן אברהם פריעדמאן הי"ו פון טאראנטא, גלילה מוה"ר יעקב ברוך סיימאן הי"ו פון טאראנטא.

מוסף האט געדאווענט פארן עמוד כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' יודל זילבער הי"ו פון וומסב"ג.

⬥

נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים




אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מוה"ר יואל גוטמאן הי"ו מנהל חברת תהלים קרית יואל.

אז ביום השביעי הרה"ח ר' שלמה גוטמאן הי"ו פון קרית יואל, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאו הי"ו פון וומסב"ג, שיר המעלות הב' שאול ישראל ברוך ב"ר חיים יוסף יודא גרינוואלד ני"ו פון וומסב"ג.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן הוה וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

שבת נאכמיטאג האט הרה"ג ר' יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן ומו"ץ פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' חיים אלתר פעלבערבוים הי"ו, די עליות האבן עולה געווען כהן העסקן הדגול מוה"ר אהרן הכהן פיקסלער הי"ו פון וומסב"ג, לוי הרה"צ רבי ישראל מרדכי סג"ל שליט"א, שלישי הרה"ח ר' שלמה גוטמאן הי"ו פון קרית יואל. הגבה כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א, גלילה מוה"ר יואל חיים גאלדבערגער הי"ו פון וומסב"ג.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרב יחיאל מאיר לייפער שליט"א פון מאנסי נכד רביה"ק זי"ע. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: מוה"ר שמעון סג"ל קרויס הי"ו פון קרית יואל, מוה"ר בערל מאנדעל הי"ו, מוה"ר שלום יחיאל מיכל ארגעל הי"ו, הרב יודא אליעזר צבי כהנא שליט"א פון וומסב"ג נכד רביה"ק זי"ע.

שיר המעלות הב' צבי מאיר בנימין בראדי ני"ו פון מאנסי, ברהמ"ז על הכוס און צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א.

נאך מעריב האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס איז מכובד געווארן מו"ה יודא יוסף פיקסלער הי"ו פון וומסב"ג, די הבדלה האט געהאלטן הב' שמעון גוטמאן ני"ו פון קרית יואל.

ביי די שיחות קודש האט דער רבי דערציילט פונעם הייליגן רמ"א, און רבי מענדל'ע מ'רימנוב זכותם יגן עלינו.

דערנאך האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.


# קול איחוד טאהש



קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת מכות (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו

קלארע און הערליכע שיעורים
בספר תהלים
בחבורת "לומדי תהלה"
42 פון די מעין מעניו



יר"ל ע"י
איחוד תלמידי חסידי טאהש
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד תלמידי חסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950



די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג


## סדר הלימודים
במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת במדבר =

| | ז' עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק בה"ב | ו. | ב: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | ו: | ג. | עא. | סז. |
| מאנטאג | ז. | ג: | עא: | סח. |
| דינסטאג | ז: | ד. | עב. | סח: |
| מיטוואך ר"ח סיון | ח. | ד: | עב: | סט. |
| דאנערשטאג | ח: | ה. | עג. | סט: |
| עש"ק | ט. | ה: | חזרה | חזרה |

### בחינה הבאה ביום א' פרשת בהעלותך
מס' שבועות-עבו"ז: מ:-ט: | מס' בבא בתרא: ס:-ע:

המרומם

# סדר השבת

מעין עולם הבא
יום שבת מנוחה

## ערב שבת קודש

לקראת שבת לכו ונלכה

2:00

### ברוכים הבאים בשם ה'

די עסקנים וועלן אויפנעמען אלע חשוב'ע געסט
און יעדן מסדר זיין איש על מחנהו ואיש על דגלו

2:00-6:45

### טועמיה אויפן מארק



א רייכן אויסשטעל פון פילע סארטן נאראהאפטיגע שבת געקעכצן
וועט זיין צו ערהאלטן אויפן פארצייטישן מארק

**גרייטן צום שבת קודש**

די **הענדלער און קרעמער אייך העלפן** זיך גרייטן צום שבת קודש מיט **כבוד און עהרע.**

### להשקות צמאי חסדיך

א רייכע קאווע צימער וועט זיין צוגעשטעלט 24 שעה

### וטבל במים וטהר

די מקוה וועט זיין אפן א גאנצן נאכמיטאג

5:15-7:15

### קבלת שלום וחתימת מגילת היסוד

**אצל כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א**

אלע **אורחים הדגולים נגידי ופטרוני מוסדותינו הק'** וועלן
נעמען שלום פון **כ"ק מרן רבינו שליט"א** און **חתמ'ענען דעם
היסטארישן מגילת היסוד פון איגוד מוסדות טאהש ניו יארק**

כ"ק מרן רבינו שליט"א וועט איבערגעבן א מתנה
פאר די חשוב'ע תומכים דעם נייעם

**זמירות עבודת משולם פייש**

7:20

### מעמד "בנים ובני בנים"

חרוזים לכבוד המאורע דורך
מו"ה ר' **ישראל אדלער** הי"ו
דערנאך וועט מען זאגן דעם **תפלת השל"ה**
בהתעוררות גדול ובהשתפכות הנפש

זכנו לגדל "בנים ובני בנים"

## ליל שבת קודש

בא שבת בא מנוחה

8:01

### הדלקת הנרות

**ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א**

### ולעורר לבי לאהבתך וליראתך

די טאלאנטפולע בעלי מנגנים וועלן ארייניפרן דעם ציבור
אינעם שבת קודש מיט רירנדע ניגוני התעוררות

8:05

### תפלת מנחה

אחר תפלת מנחה **דרשת הכנה לשבת קודש**
**ע"י הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשינו קרית יואל

### לכו נרננה לה'

**קבלת שבת ותפלת מעריב ע"י כ"ק מרן רבינו שליט"א**

### אתקינו סעודתא דמהימנותא

תיכף נאכן דאווענען וועט כ"ק רבינו שליט"א אריינקומען
צום סעודה און פירן שלחנו הטהור בצוותא חדא מיטן
גאנצן ציבור אינאיינעם להתעלס באהבים
**נאך קידוש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א**
וועלן אלע באטייליגטע אינאיינעם מאכן קידוש

### עונג וגם שמחה בהם למשחה

נאכן סעודה וועט זיין צוגעגרייט א רייכער אויסשטעל
פון מעדנים ומטעמים הרבה מינים

## בצפרא דשבתא

יום שבתון יום מחמדים

7:45

### נעים זמירות ישראל

תהלים ברוב עם בהתעוררות גדול כדרכינו בקודש

8:22

**סוף זמן קריאת שמע**

10:00

### תפלת שחרית

**החזן ר' ישראל אדלער הי"ו** יתפלל שחרית לפני התיבה
**קידושא רבא אחר התפלה**

20 מינוט אחרי התפלה

### אסדר לסעודתא בצפרא דשבתא

**כ"ק מרן רבינו שליט"א** וועט אריינקומען פראוועגען
דעם דערהויבנעם סעודת שב"ק אינאיינעם מיטן ציבור

### ברוב מטעמים ורוח נדיבה

א גאנצן שבת נאכמיטאג וועט זיין צוגעגרייט א רייכע
עונג שבת מיט געשמאקע מעדנים ומטעמים פאר

7:00

### שיעור פרקי אבות

א הערליכע פרקי אבות שיעור ע"י
**הרה"ג ר' שלום גליק שליט"א** דומ"ץ בית מדרשינו וויליאמסבורג

7:45

### מנחה ושלש סעודות

**בהיכל הביהמ"ד**

## מוצאי שבת קודש

ושאבתם מים בששון ממעייני הישועה

9:29

### זמן מוצאי שבת קודש

### מעמד השפעות - ויתן לך

### המבדיל בין קודש לחול

**כ"ק מרן רבינו שליט"א** וועט מאכן
הבדלה אינעם אולם הסעודות

### זרענו וכספנו ירבה כחול

א געלט-מעשה פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע
פארציילט מיט רירנדע חרוזים דורכן בדחנא דמלכא
**מו"ה ר' ישראל אדלער הי"ו**

### מעמד סיפורי צדיקים - ויתן לך

**ע"י כ"ק מרן רבינו שליט"א**

### דא היא סעודתא דדוד מלכא משיחא

א רייכע מלוה מלכה וועט זיין צוגעגרייט כיד המלך

ווער עס וויל וועט קענען איבערנעכטיגן אינעם האטעל
זונטאג צופרי וועט **כ"ק אדמו"ר שליט"א**
דאווענען שחרית מיטן ציבור
**דערנאך וועט זיין צוגעגרייט א געשמאקע פרישטאג**

### כי בשמחה תצאו ובשלום תו...

שבת המייסדים

# ט'עם א'ינעם ה'ייליגן ש'בת